STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07963

A SHTUB IN SHTETL

Itzhak Yanasowicz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קיום

32

משה פייגענבלום.

יצחק יאַנאַסאָוויטש

אַ שטוב אין שטעטל

פּאָעמע

צווייטע אויפלאַגע

פאַרלאַג
פועלי ציון-התאחדות

בוענאָס איירעס, ה׳תשכ״ג — 1963

די ערשטע אויפֿלאַגע פֿון דער פּאָעמע „אַ שטוב
אין שטעטל" איז דערשינען אין פּאַריז 1951,
פֿאַרלאַג: ביכער פֿון ייִדישן פּען־קלוב, אַרויס־
געגעבן מיט דער הילף פֿון דער קולטור־אָפּטיי־
לונג ביים „דזשאָינט" אין פֿראַנקרייך. / די פּאָעמע
איז פּרעמירט געוואָרן דורך דעם ל. בימקאָ־פֿאָנד
ביים אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס אין
יאָר 1952.

שער־בלאַט און צייכענונגען:

מאַרעק האַלטער

אַ שטילער טאַטע

געווען איז ער אַ שטילער ייִד.

אַ פּנים פון אַ גאַנץ יאָר אין אַ בערדל איינגערעמט,
אַ גראָער חי־וקים, אַן אַ סאַמעטענעם קאַפּל
און אַן אַ קול וואָס לאָזט זיך הערן.
אַ פּראָסטער ייִד —
שמייכלענדיק צו זיך אַליין פאַרשעמט,
אַזוי עניוותדיק, דערשראָקן און פאַרצאַפּלט,
מיט בלויע אויגן תהילימדיק־פאַרטרערט
און איבער עפּעס סתם אַזוי פאַרקלערט,
סתם אַזוי פאַרטראַכט
און תמיד מיד, פאַרמאַטערט —
אָט דאָס איז ער געווען מיין טאַטע.

אַ ייִד אַ פּשוטער געווען.
אַן גאָווהדיקן בלענד פון אויפגערוישטן זייד,
אַן שוואַרצן גלי פון גלעטנדיקן סאַמעט.
זיין גוף האָט נישט געקענט די יום־טובדיקע פרייד,
די פייערלעכע חשיבות פון אַן אַטלאַסענעם מעמד.
גרוי ווי ער אַליין איז אויך געווען זיין קלייד:
דער דאַרער צייג־כאַלאַט אויף טעג פון אַלע וואָכן,
אַן איידלקייט, פון טיפע פאַסן שוואַרץ,
פון שוויס פאַרגעלבט, צעכראַסטעט און פאַרשאַרצט

דער טלית־קטן איז פון אונטערן קאַמזויל אַרויסגעקראָכן
מיט ציצית שטייפלעכע, פון לעדער־סם פאַרגרינטע.
זיין איינציקער פאַרמעג
געווען איז אויף די שבתדיקע טעג
אַ שוואַרץ־געוואַנטענע קאַפּאָטע,
אַן אַלטפרענקיש אויסגעדינטע
וואָס האָט מיט בלייכן שבת־ליכט באַשיינט,
אַן אָפּגעטראָגענע פון אים אַראָפּגעווײנט,
אַן אויסגעבליאַקעטע פון אים אַראָפּגעטרויערט
מיט אַלטער בענקעניש, אין יעדן קנייטש פאַרלויערט.

געווען איז די קאַפּאָטע, ווי איך ווייס,
ירושה פון זיין טאַטן נאָך פאַרבליבן.
מיט שטויב און פלעק אויף קאָרטענעם געוואַנט
די צייט האָט מיט אַ שווערער האַנט
דעם טרויער פון אַ לעבן אויפגעשריבן.
ס׳איז ביסלעכווייז אויף איר די האַרטע לאַסט
פון שווערן עול־פּרנסה אַנגעוואַקסן
מיט געלבן זשאַווער אויף די אַקסל.
אין יאושדיקער אַלטקייט איינגעפּאַסט
עס האָבן קלאַפּעס, דוכט זיך, נאָך געלעבט
מיט ווייטע טונקעלע זכרונות
און זיך געוואונדערט אויף דער באָרד
וואָס נאָר וואָס שוואַרץ געווען
און שוין איז
מיט זיקנה־פעדעם זילבערנע געפּאָרט.
עס האָט דער אויסגעגלאַנצטער קאָלנער נאָך געוועבט
דעם ווייטן חלום פון דער יוגנט,
פון דער צייט,
ווען אין אַ קראַגן פון פּאַפּיר פאַרשטייפט

Marek Halter

האָט זיך געוויגט אַ חתנדיקער האַלדז
אין ווילגערוך פון מאַנדלדיקער זייף.

אַ, אינעם גלי פון צאַנקענדיקע פלעמלעך
אין שבת־יום־טובדיקע אויפדערנאַכטן
האָט יעדער פלעק
אויף אָפּגעטראָגענעם געוואַנט
נאָך אַ מאָל דערמאַנט
דאָס וואָס איז אַוועק
אויף אייביק שוין, אויף שטענדיק.
דער אָפּגעטריפטער חלב האָט אויף ס׳ניי געפלאַמט
מיט ווייסע חופּה־ליכט
אין בגילופנדיקע הענט,
ווי אַ מאָל נאָך, האָפערדיק און בלענדיק.
מיט שיכורלעכן רויש פון צמוקים־ווין,
פאַרגאָסענעם אויף חתונות,
אויף שלום־זכרס און אויף בריתן,
אויפגעגאַנגען איז אַצינד פון ס׳ניי
אַ יעדער פלעק אין דעם געוואַנט דעם אַלטן
מיט דעם עכאָ פון אַ ווייטער שיין
וואָס האָט דעם ריח נאָך פון יענער צייט דערהאַלטן.

געווען אַ מאָל אַ הדרתדיקע זאַך, זעט אויס,
יוסט געבויט, געצייט אַן שטנעז־פעדעם.
נאָר איצט אַן אויסגעבליאַקעטע פון יאָרן,
אַן אויסגעפּרעסענע פון דלותדיקן שטויב,
כאָטש אויסגעבאַרשט, פאַרצירעוועט און גאַנץ —
זי האָט מיט גרינער אומעטיקער שיין געגלאַנצט,
מיט יענער בליננצלדיקער גרינער שיין
פון באַלעבאַטישער בכבודיקער נויט
וואָס פאַרמאַכט די לאָדנס אויף די פענצטער,

אַ שטוב אין שטעטל

ווען קידוש מאַכן קומט איר אויס אויף ברויט,
ווען זמירות זינגען מוז זי, וואָכעדיק און שפּל,
ביי אַ קאַלטן אבּיונדיקן טיש,
ווו אַנשטאָט לאָקשן עסט מען קילבלעכע קאַרטאָפל.

אַן אַלט־אַלטמאָדיש קאַרטענע קאַפּאָטע
וואָס פלעגט זיין שבת־יום־טובדיקן גוף
מיט איר אַמאָליקייט באַשיינען.
נאָר אויף די גראָבע שטיוול פלעגט די וואָך,
אַן אויסגעטרעטענע,
אַ הפקרדיקע וויינען
און ס׳פלעגט דער האַרטער זוילנסקריפּ
מיט וועלט,
מיט גאָט
אין שטילן צער אַ כריפּענדיקער טענהן:
— אפילו דער סמבטיון רוט אַ מאָל,
הערט אויבעט אויף צו קאָכן און צו זידן
אין דעם טאָג דעם הייליקן פון שבת,
מכל שכן — אַ פּאָר שטיוול פון אַ יידן,
אַ פּאָר אַלטע וואָכעדיקע שקראָבעס,
די איינציקע וואָס זענען אים פאַרבליבן.
פאַר וואָס אין תורה דיינער, גאָט, האָסטו
רו פאַר אָקסן און פאַר אייזלען אָנגעשריבן,
און נאָר פאַר שטיוול יידישע קיין ביסל רו,
קיין שבת־טאָג אַפילו נישט באַוואָרנט?

געוועזן איז ער אַזאַ מין ייד:
צום שולקלאַפּן געלאָפן ערשט אין באָד
מיט אויסגעלאַטעטן גראָב־לייוונטיקן העמד
און שטענדיק האָט דער בעדער אים געמוסרט
און פאַרשעמט
מיט רייד ווי בעזעמלעך — שטעכיקע און האַרטע:

— דער גאַרבער מיינט, אַז קהל און אַז שטאָט
וועט אויף קבלת־שבת וואַרטן,
ביז ער וועט אויסשינדן די הערנער פון דער פעל.
ער האָט געשוויגן שטיל
און שמייכלענדיק צו זיך
דריי מאָל דריי אַריינגעכאַפּט די טבילה,
זיך אָפּגעוואַשן אויף דער שנעל
און מיטן אַלטן העמד זיך אויסגעווישט אויף גיך.
עס זענען ווערטער קאַפּענדיקע שטילע
מיט טראָפּנס שוויס פון אים אַראָפּגערונען:
— חלילה!
וואָס פאַלט אייך איין, ר׳ דוד,
וואַרטן גאָר?
וואָס קומט עס מיר אַזוי פיל כבוד?

נאָר אין דער היים,
ביי קאַרגער שיין פון גראָשנדיקע ליכט,
אַריינגעשטעקט אין זאַמד
אין לייכטערלעך פון ליים,
האָט ער דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט
אויף האַרטן קאַנט
פון טיש
און זיך דעם בעדערס רייד דערמאָנט.
און ביי דעם וואָכעדיקן הערינג,
אָנשטאָט שבתדיקע פיש,
עס האָט אַ רעיון אים —
אַ הערינגביין — געוואָרגן.
מיט דער האַנט פאַרשטעלט ס׳געזיכט
האָט ער אַ זיפץ דאָרט טיף
אין זיך אַריין פאַרבאָרגן:
— אוי, האַרצעדיק דערבאַרעמדיקער פאָטער,

אַ שטוב אין שטעטל

אַלמעכטיקער און רחמימדיקער גאָט,
אויב ס׳איז דיין ווילן נישט,
אַז זיין זאָל איך דער גביר,
איז מילא — פּטור.
און ווין אויף קידוש ווער עס האָט,
איז מילא — האָט ער.
נאָר, גרויסער גאָט,
עס וואָלט דיר דען געשאַט,
ווען איך וואָלט לחם לאכול
כאָטש צו דער זעט געהאַט?

נאָר באַלד האָט ער דערשראָקן זיך פאַרן אייגענעם געדאַנק
און זיך פאַרגאַנגען אין אַ טרויעריק זמירותדיק געזאַנג:
— כל מקדש... טאַטע, טאַטע, דו ווייסט מסתמא בעסער,
אַז ערגעץ אַנדערש איז די נויט נאָך גרעסער
און ס׳דאַרף דיין חסד
אַ ייִד אַן אַנדערער נאָך מער ווי איך.
ער האָט דערביי געשמייכלט צו דעם סידור
פאַר די קורצזיכטיקע אויגן זיינע — אָפן
און אָט אַזוי אַ שמייכלענדיקער און אַ מידער
איינגעשלאָפן.
און ס׳האָבן זיך די גראָשנדיקע ליכט
גאָר קיין מאָל אויף זיין בענטשן נישט דערוואַרט
און צאַנקענדיק מיט שאָטנס אויף די ווענט,
מיט רויך און חלב־טשאַד דערברענט
און זיך פאַרלאָשן.
און אָפּגעטריפט פון זיי האָט שוין צום לעצט
דער אביונדיקער טרוים וועגן לייכטער מעשענע
וואָס דער טאַטע האָט אַ מאָל
אין אַן ענגער צייט פאַרזעצט
צוליב אַ פעלנדיקן גראָשן.

לײמענע לײכטער

אַזױ האָט ער אין פֿרײטיקדיקע נעכט
דעם עונג־שבת זײַנעם אױסגעכראַפּעט
און ס׳האָט די מאַמע — תּמיד שטרענג, גערעכט —
מיט הוסט אַסמאַטישן פֿאַרקײכט זיך און געסאַפּעט.
זי האָט אין װינקל פֿון דער שטוב — אַ דאַרער בױם —
געװיגט זיך איבער אים אין שװערן אָטעם
און אירע װערטער שטיל דערהערטע קױם
מיט פֿליגן צאַפּלענדיקע האָבן אָפּגעזשומעט:
— ער שלאָפֿט... אַ שלאָפֿעניש אױף אים דעם פֿײַנעם מענטש,
דעם אומגליק װאָס האָט מיך, אַן עלנטע, געטראָפֿן.
אַז ניִשט געגעסן און אױך ניִשט געבענטשט —
ער װאָלט אַ װעלט, אַ גאַנצע װעלט פֿאַרשלאָפֿן.

זי האָט געװיגט זיך איבער אים מיט מורמלענדיקע ליפּן,
מיט רײד צעצװיגענע אין תּחינהדיקן כליפּן:
— אַ לעבן, אַ? אַ װעלט... אַ ליכטיקײט בײַ לײַטן —
און דאָ? ניִשט שטראָפֿן זאָלסט מיך פֿאַר די רײד,
ניִשטאָ אַ װאָרט מיט װעמען אױסצובײַטן.
כאָטש גראָב אַ גרוב זיך לעבעדיקערהײט
און גײ אַלײן צו קבֿורה זיך באַגלײטן.

און ס׳האָט דער מידער ייִד זיך אומרויִק געװעקט,
פֿאַרצאַפּלט פֿון איר תּחינהדיקן קלאָגן.

Marek Halter

אין חושך האָט זיין שטים אַ שולדיקע געפרעגט:
— האָסט מיך גערופן, אַ? געוואָלט מיר עפּעס זאָגן?
נאָר ס׳האָבן אירע רייד מיט פייער שוין געברייט
אין הוסטנדיקן כריפּ אַרויסגעוואָרגן:
— אַ גוטן אויפשטאַנד דיר, מיין צרהדיק געמיט!
זיך אויסגעשלאָפן שוין? כאַטש זאָג אים אַ גוט מאָרגן.
און ס׳איז אַוועק אַצינד אַ סדרה מיט געוויין,
מיט טענות בּיטערע און האַרבּע:
— פאַר וואָס האָט ער דעם עול פון שטוב געלייגט
אויף איר אַליין
דער שיינער גאַרבּער?
וואָס טראַכט ער וועגן דעם וואָס איציק וואַקסט,
שוין קיין עין־הרע אויסגעוואָקסן פון די הויזן,
און אַז איר האַרץ צעשמאָלצן ווערט ווי וואַקס,
ווייל ס׳קאָן דאָס קינד נישט ווייזן זיך אין דרויסן.
און וואָס וועט זיין פון דעם דער שוואַרצער סוף?
שוין צייט אַ מאָל אַ תכלית צו באַקלערן.
אַ וועלט מיט מענטשן לעבּט —
און ער, דער גאַרבּער, שלאָפט,
און ווער עס ציילט דאָס גאָלד —
ער ציילט אין הימל שטערן.

אויף אירע רייד דער טאַטע האָט קיין ענטפער נישט געהאַט —
ער האָט ווי שטענדיק שמייכלענדיק געשטומט.
— אַ תכלית, אַ? עס וואָלט אַוודאי נישט געשאַט,
ווען ס׳וואָלט נאָר אָנבּאַלאַנגט געוועזן אין אים.
געוואָרן איז מיט טרויער אויסגעבּעט זיין שטים
און מיט דעם סאַמעט פונעם חושך אָנגעזאַפּט,
אַזש ס׳דוכט זיך אויס: אויף נאַכטיק־פייכטע ווענט
זיין קול האָט בּלינד געצאַפּלט און געטאַפּט,
געוואָלט פאַר זיך אַליין דערגיין דאָ אַ באַשייד:

א שטוב אין שטעטל

— ער שאַנעוועט נישט, דוכט זיך, זיינע הענט
און די מלאכה איז אים אויך נישט פרעמד,
נאָר ווי צום לייב עס קלעפּט דאָס נאַסע העמד,
האָט זיך דער דלות צוגעקלעפּט צו אים —
און טו און מאַך.

און ווידער שטיל געבליבן און געשטומט
דערשראָקן פאַר זיין אייגן קול און שפּראַך.
ער איז צו ווערטער נישט געוווינט געווען
דער שטילער ייִד, מיין טאַטע.
אַ לעבן לאַנג האָט ער זיך צוגעוווינט צו שווייגן
און ווי די גאַס די שטעטלשע ער פלעגט פאַרבייגיין,
איז ער דורך אונדזער וועלט אַדורכגעגאַנגען
אין שטיוול יוכטענע, להבדיל ווי אַ פּויער,
מיט אַ דינעם ייִדישלעכן טרויער.

אַן אורח אין פּראָסט

דאָך איין מאָל שיער נישט אַ נס
געטראָפן האָט מיט אים, מיין טאַטן.
דאָס מזל איז אַריין צו אונדז אין שטוב
מיט פריידע און וואַרעמקייט און מיט אַ טיש אַ זאַטן,
און לאַנג דערנאָך מיר האָבן אינעם שיין
פון יענעם פייער זיך געוואַרעמט,
ווען כביכול, גאָט ברוך הוא אַליין
איף אונדזער שטוב האָט זיך דערבאַרעמט.

געווען ס'איז אין דער צייט פון טבתדיקע פרעסט
וואָס האָבן אַלץ אין זייער קלעם פאַרקאָוועט.
געשראָקן האָט די גאַרבערײ — אַ לעבעדיקער מת:
בלויז ווינט און קרירה האָט זיך דאָרט געכאָוועט.
די ווייקפּעסער אין שטאַל — ווי שפּיגלען גלאַט
און אויך דאָס פאַלצשטאָק ערגעץ ווו פאַרוואָגלט.
דעם טאַטנס לעדער־פאַרטעך ווי אַ דאַרער בלאַט
האָט זיך געהוידעט אויף אַ זשאַווערדיקן נאָגל.

די קינדער אין דער שטוב, פאַרגרינט און דאַר,
געהונגערט האָבן דעמאָלט אין לשער.
אַ קעלט אַ טרויעריקע האָט בייז
געשימערט פון די ווענט מיט גראָען אייז,
אַז ס'זענען אַזש די מייז אין מיטן טאָג
אין זייערע לעכער מיט אַ פּישטש פאַרגאַנגען.

Marek Halter

יצחק יאַנאַסאָוויטש

פּאַר פּרי איז שוין די מאַמע אויפגעשטאַנען
בייז־צערייצט.
רק געקרעכצט
און רק געאָכצעט.
די קיך האָט דעמאָלט זעלטן זיך געהייצט
און נאָך זעלטענער ס׳האָט אַ געקעכץ
אויף איר געקאָכט זיך.
פון דאַרן לעבל ברויט
מ׳האָט אַלעמען המוציאס אָנגעשניטן
און שטענדיק איז אַזוי געשען:
עס האָט די מאַמע טיילנדיק
זיך אַליין פון חשבון אויסגעמיטן.

נאָר וואָס ווייטער
אַלץ ערגער איז אין אונדזער שטוב געוואָרן.
געווען די קיך איז גאַנצע טעג פאַרפראָרן
און ערשט פאַר נאַכט האָט זי מיט נאַסן האָלץ
זיך טשאַדענדיק צערייכערט.
די קאַרטאָפל זענען זיס און איבלדיק געווען
און אונדזער הונגער נישט געשטילט מער.
זיי האָבן שווער געמאַכט די קינדערישע בייכער
און פונעם טשאַד מען האָט דעם מידן קאָפּ
אויף אַקסלען אייגענע שוין נישט געפילט מער.
מיר זענען איינגעשלאָפן שווער,
נישט זעלטן פונעם שלאָף געוואַיעט
און אין דער קעלט פאַרטוליעטע
ביים „לעפּעלע" געצויגן האָט, געגנאַיעט.

דאָך איז נאָך דאָס געווען נישט אַלץ.
געקומען איז אַ טאָג —
דער סוף פון די פאַרפרוירענע קאַרטאָפל.

אַ שטוב אין שטעטל

— כ׳בין הונגעריק — האָט זיך אַ קינד צעקלאָגט.
דער טאַטע האָט געשוויגן שטיל און שפּל
און נאָר די מאַמע מיט גערייצטקייט אין דער שטים
געזאָגט האָט גאַליק קוקנדיק צו אים
דעם ניכנעדיקן טאַטן:
— נישטאָ קיין ברויט. איצט קענט איר לעקן זאַלץ,
ס׳אַ מאכל פאַר די העלדזער די געשמדטע.

דער טאַטע האָט דערנאָך אַ גאַנצן טאָג
שעמעוודיק און שולדיק צוגעשוויגן.
די מאַמע האָט אים גאָרנישט נישט געזאָגט
און אויף די קינדער מער שוין נישט געשריגן,
געלייגט מיט אונדז זיך אינעם בעט
און איז אַ גאַנצן טאָג געבליבן ליגן.

זי האָט די בליקן אין דער סטעליע איינגעקריצט
און דאָס פּנים אין דער הייך אַרויפגעריסן.
עס האָט איר אויג מיט חלף אויפגעבליצט
און פון די נאָזלעכער האָט זיך אַרויסגעריסן
אַ ווייסער וואָלקן פרירנדיקע פּאַרע.

דאָך בייטן פלעגט זיך צייטנווייז איר מראה
ביים אָנטרעפן דעם טאַטנס שטילע בליקן.
זי פלעגט דערביי זיך טאָן אַ שאַרפן קער
און איר קול מיר האָבן דאָן דערהערט
ווי פון אַ טיפן ברונעם:
— אַ מזל, אַ? וואָס זאָגט מען נישט צו דעם?
אַז ס׳איז דאָס אומגליק עמעצן באַשערט,
קאָן אים דער טויט אַפילו נישט געפינען.

אַ צאַפּל האָט געטאָן דער שטילער ייִד
פון אירע רייד און אויפגעשווידערט.

די קינדער אינעם בעט מיט אַ געוויין
האָבן זיך אויף ס׳ניי צעהוידעט,
דער טאַטע האָט זיך ראַש אַ הייב געטאָן
און צו דער טיר גענומען גיין.
די מאַמע — ווי פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט —
האָט אויסגעשריגן: ניין!
און ס׳האָט צעקלונגען זיך מיט שערבלעך גלאָז
דאָס וואָרט דורך אירע ציין:
— אָסור זאָל מיר זיין!
איך בעט דערפאַר אויף זיך דעם טויט,
איך זאָל נישט זען, ווי דו ווערסט בעטן
פאַר זייערטוועגן ברויט.

און וואָס ווייטער ס׳איז געשען, האָט קיינער נישט געדענקט.
די קינדער אינעם בעט צונויפגעדרענגט
זיי האָבן לייב אָן לייב זיך אָנגעוואַרעמט
און איינגעשלאָפן שווער און מיד.

ערשט אויפגעוועקט האָט אונדז אַ גרויסער ליאַרעם:
געשטאַנען איז אין שטוב אַ פרעמדער ייִד
מיט אַ טאָרבע אָנגעהאָנגען אויף דער ברוסט —
אין גאַנצן ווי אַ בעטלער פון יאַריד,
מיט אַ הילצערנעם, אַ לאָמען פוס.

אין זיין פאַרלוירנקייט דער טאַטע האָט נישט געוווסט,
וואָס צו טאָן מיט אָט דעם שפּעטן גאַסט.
ער האָט די קנויט פון לעמפּל רק געדרייט
און אין דער שטוב געשפּרונגען זענען שאָטנס.
ביז ס׳האָבן זיך דערהערט דעם פרעמדנס רייד:
— איך האָב אַ טאָג אַ גאַנצן היינט געפאַסט,
געמיינט ביי אייך צו טרעפן אַ געבראָטנס.

לסוף איך זע — ס׳איז טאַקע בנאמנות
ביי איך אַליין אַ שטיקל תענית.

נאָך מער פאַרלוירן האָט דער טאַטע אויסגעשטאַמלט,
קוקנדיק אַהין צום בעט, ווו ס׳איז די מאַמע
שווייגנדיק געלעגן:
— יאָ, אמת טאַקע... אַ פאַרדראָס...
נישטאָ איז גראָד אין שטוב קיין ביסן...
איר פאַרשטייט, ר׳ ייִד, דער פראָסט...
נאָר דאָ האָט זיך די מאַמע ווי אַ ווינט
אין זייער רייד אַריינגעריסן.
עס האָט זי פונעם אָרט געטאָן אַ הייב
און ס׳האָט די ביטערקייט פון איר אַרויסגעשריגן:
— ר׳ ייִד... נישט גלייבט!
נישט גראָד היינט... עס איז אַ ליגן...
עס איז נישטאָ ביי אונדז קיין ברויט
שוין טעג... שוין אפשר וואָכן.
אַ קבצן איז דער הינעדיקער בעל־הבית ווי איר,
נאָר אפשר מערער נאָך ווי איר צעקראָכן.

נאָך איר געשריי מיר האָבן שוין געמיינט,
דער אורח וועט אַ ברוגזער זיך צו דער טיר פאַרנעמען,
נאָר ער, ווען זי האָט זיך צוריק געלייגט,
האָט זיך גאָר אָנגעשפאַרט אין טיש
און מיט אַ מאָדנעם וואַרעם קול געזאָגט:
— נו אויב אַזוי, וואָס דאַרף מען זיך דאָ שעמען?
איר זענט ביי גאָט נישט איינציק, ווי איר ווייסט,
די נויט איז גרויס... און אב הרחמן הייסט:
אויב מ׳האָט אַליין נישט — ביי אַ צווייטן נעמען.

זיין טאָרבע אויפן טיש האָט ער געלייגט
און דערביי צום טאַטן זיך געווענדט:

— בעל־הבית, די מיצווה פון הכנסת־אורחים
ליגט אַצינד אין אייערע הענט.
אויב דאָ איז האַלץ ביי אייך — אַ פייער מאַכט.
איך וועל שוין בלייבן דאָ
און הינטער אייער דאַך
כ׳וועל האַלטן נאַכט.
פון אַט דער טאַרבע וועלכע ליגט פאַר אייך
עס וועט אַ מאַלצייט זיין —
פאַר אַלע גלייך.

און אַט —
אַט איז דער טאַטע אונדזערער פון שטוב אַרויס
און צוריקגעקומען מיטן פאַלצשטאָק אין די הענט.
דער אורח האָט דערווייל ביים פייער זיך געפּאָרעט
און איידער וואָס און איידער ווען,
עס האָט אַ פייער הימלעך שוין געברענט.
אין שטוב ביי אונדז איז פּלוצעם ליכטיקער
און וואַרעמער געוואָרן.

ווו איז אַוועק דאָס אייז פון אַלע ווענט
וואָס האָט די שטוב אין קלעם פאַרפראָרן?
מיר האָבן אונדזער בליק צום אים געווענדט
און ער האָט צוריק געשמייכלט מעשה פעטער:
— נו, קינדער, קומט,
איר וועט די רעשט דערשלאָפן שוין
אַ ביסל שפּעטער.

און גאָרנישט ווי זיין שטייגער איז געווען,
דער טאַטע האָט אין שטוב אַרומגעשמאַיעט,
גערעדט מיט קורצע חידושדיקע רייד:

אַ שטוב אין שטעטל

—באמת ווונדער... ס׳האָט דאָס ווייקפּאָס אויפגעטאַיעט,
אין שטאָל איז איצט ווי ניסן־צייט שוין וואַרעם.
כהרף־עין האָט דער פראָסט געפּלאַצט... און אינעם דאָמב
די פעל שוין אויסגעגאַרבט זיך פאַרען.

אַראָפּ מיר זענען פונעם בעט,
געוואָלט דעם פרעמדן ייִד באַטראַכטן.
נאָר ער האָט אונדז די קעפּ געגלעט
און זיין האַנט ווי סאַמעט האָט געלאַשטשעט.
און גוט איז אונדז דערביי געווען אַזוי,
אַז ס׳האָבן אַזש די אויגן זיס פאַרמאַכט זיך
פון אַ ווייטן נישט־געקענטן תענוג.
געזאָגט האָט ער צו אונדז:
— איצט, קינדער, גייט און וואַשט זיך,
נו כאַטש די נעגל גיסט מיט וואַסער אָפּ.
אָט זעט איר דאָ — אין סאַמע גרעסטן טאָפּ
סע קאָכט אַ מאכל זיך וואָס איז ווי עפּל ווייניק
און ווי אַ בוימל איז עס פעט.
און אויך די רייד זיי האָבן אונדז געגלעט
היימיש־ווייך.
דערביי עס האָט די שטוב פאַרשמעקט
אַ זיסער קיצלדיקער ריח.
דער טשייניק אויף דער קיך האָט זיך צערוישט
און ס׳האָבן טעפּ מיט היימלעכקייט געזאָטן.
ס׳האָט אַלץ זיך אין געזאַנג אַצינד פאַרטוישט —
אין שטוב איז נישט געווען קיין שטיקל שאָטן.

די מאַמע איז צום סוף פון בעט אַראָפּ,
צום טיש געגרייט.
דאָס שבתדיקע טישטעך אויפן גאַנצן טיש —
ווי קיין מאָל אין דער וואָכנס נישט —

היינט אויסגעשפּרייט.
דערביי שוין צוגעקערט דעם דיל
און אים מיט געלן זאַמד באַשאָטן.
אַליין האָט זי באַוועגט זיך שטיל,
נישט זיכער אויף דער ערד געטראָטן.

נאָר ווען צום לעצט
מיר האָבן זיך ביים טיש שוין אויסגעזעצט,
אַ גרינגע בלייכקייט האָבן מיר דערזען
אויף אונדזער מאַמעס פּנים.
ווי אויף דער טרוקעניש אַ פיש
באַוועגט זיך האָבן אירע ליפּן.
און פּלוצעם ס'איז פון איר אַרויס
אַ מין געוואַי, אַ העשעניש, אַ כליפּן:
— זייט מוחל, אורח... זייט מוחל מיר, ר' ייִד,
די פרײַערדיקע רייד... דאָס האַרץ איז פול מיט שטיינער.
איך האָב נישט אייך... נישט אייך האָב איך געמיינט,
געשריגן פריִער כ'האָב אויף זיך אַליין נאָר.

פאַמעלעך האָט דער פרעמדער ייִד
דעם לעפל אויפן טיש אַוועקגעלייגט,
געשוויגן שטיל, געוואַרט,
אין זיך אַליין פאַרקלערט.
מיר זענען אַלע ווי פאַרשטאַרט
געבליבן זיצן מיט די קעפּ צו דר'ערד.
אַזעלכע רייד און אָט אַזאַ געוויין
מיר האָבן נאָך ביז היינט
פון אונדזער מאַמען נישט געהערט.

געבליבן זיצן איז דער פרעמדער ייִד
האַלב פאַרצערט און האַלב צעשמייכלט.

אַ שטוב אין שטעטל

זיין באָרד אַ ווייסע האָט אַראָפּגעטריפט
אַ שטילע מילדקייט אַזאַ ווייכע.
ער האָט פאַרהויבן זיינע הענט,
ווי זיך צו שיצן
און צוגלייך אויך ווי צו בענטשן.
די פינגער האָבן פלוצעם אויפגעבלענדט
ווי פלעמלעך פון מנורות
ביי אָט דעם פרעמדן מענטשן.

דערנאָך האָט ער שטיל און זאַכט געזאָגט:
—גענוג שוין, אישה... שוין גענוג געקלאָגט.
איר דאַרפט נישט וויינען,
עס איז נישט אייער חטא,
דאָס האָט די נויט פון אייך אַרויסגערעדט.
דאָך אָבער ווייסט:
איר זענט ביי גאָט נישט איינע.
פאַראַן אויף אונדזער וועלט אַ סך
וואָס האָבן נישט קיין ברויט
און ס׳פעלט זיי אויך אַ דאַך.
און דאָ אַזעלכע וואָס זיי האָבן ביידע
און דאָך איז זייער לעבן אַן עקידה —
עס פעלט זיי אויס דאָס ביסעלע מנוחה.
און אָן דעם — דאָס גאַנצע לעבן, ווי איר ווייסט,
איז נאָר אַ העמד אַ קויטיקס אויפן לייב —
עס וואַרעמט נישט און ס׳בייסט.

אַצינד קומט עסט מיט אונדז.
עס נעמט מיך שוין דער שלאָף.
נישט דאגהט זיך...
איך וועל אייער בייזקייט נישט געדענקען
און דער וואָס איבער אונדז וועט אייך די שטראָף

אין זכות פון אייערע קינדער שענקען.
נאָר אויף להבא — פאָלגט אַן עלטערן פון זיך:
דער אייבערשטער האָט ליב דעם אָרעמאַן
און דעם בכבודיקן — אַוודאי.
נאָר ווי אַ הונט עס פאַסט אַ פערדגעשפאַן
און ווי אַ שטריימל פאַסט דעם עלטסטן באָק פון סטאַדע —
עס פאַסט דער אָרעמקייט דאָס גדלות פון גביר.
די גאווה וואַרפט אַוועק, ווי ס׳וואַרפט דער בוים
פון זיך אַראָפּ דעם דאַרן בלאַט.
ביי אונדזער האַר — דער זעלביקער בעל־יחסן איז
ווי דער גביר — דער פּושט יד.

און דעמאָלט איז ביי אונדז אין שטוב אַזוינס געשען
וואָס קיין מאָל נאָך ביז דאַן איז נישט געווען.

די מאַמע האָט זיך אויפגעשטעלט, פון טיש זיך אָפּגערוקט
און לאַנג אויף אָט דעם פרעמדן ייִד געקוקט,
דערנאָך אין ווינקל שטוב אַוועק
און דאָס פּנים מיט די הענט פאַרדעקט.
און ווי צום ליכטבענטשן ס׳האָט מיין מאַמע —
אַן אַנדערע ווי תמיד — אויסגעשטאַמלט:
— איר רעדט אַזעלכע אויסטערלישע רייד
וואָס איך האָב קיין מאָל נישט געהערט.
כ׳בין גאָרנישט ראוי צו דער גרויסער פרייד
וואָס זיין ליבער נאָמען איבער אונדז
האָט מיר אַן אורח — אייך באַשערט.

דערויף דער ייִד געטאָן האָט קוים אַ שמייכל:
— נו מילא, כ׳ווייס... אַ ייִד אַן אָרעמער מעג אויך
פאַרגינען זיך צו ריידן מיט אַ שכל.
און וועגן ראוי זיין — די זכיה איז מסתם נישט גרויס,

אַ שטוב אין שטעטל

ווי באַלד איך נעכטיק יעדע נאַכט
אין אַן אַנדער הויז.

דער טאַטע אָבער האָט דעם סוף שוין נישט דערהערט.
די גאַנצע צייט האָט ער אין עפּעס וואָס אַריינגעקלערט
און מיט אַ מאָל זיך אויפגעשטעלט.
מען האָט געזען: זיין פּנים איז צעהעלט,
ווי ערשט אַצינד וואָלט ער אַ גרויסע זאַך באַנומען.
געשווינד האָט ער פון וואַנט אַראָפּגענומען
די שוואַרץ־געוואַנטענע קאַפּאָטע
וואָס האָט אַ גאַנצע וואָך אויף שבת־טאָג געוואַרט נאָר,
אייליק אָנגעטאָן אויף זיך,
אויף אַלע קנעפּ פאַרקנעפּלט גיך
און דערצו
זיך נאָך אַרומגעגאַרטלט.

און מאָדנע, מאָדנע האָט אונדז קינדער אויסגעזען
די קאַפּאָטע אויף דעם טאַטנס וואָכעדיקע אַקסל.
ער איז אין איר
כהרף־עין אויסגעוואַקסן
העכער, ברייטער, יום־טובדיק און שיין,
כאָטש גיב אים אין דער האַנט דעם קידוש־בעכער וויין.

און ווען ער האָט געוואַשן זיך די הענט
און זיך ביים טיש געזעצט
דאָס ברויט פון פרעמדן אורח עסן,
די קאַפּאָטע האָט פון אים אַראָפּגעבלענדט
מיט יענער נייקייט וואָס שוין לאַנג פאַרגעסן.
זי האָט מיט חשיבות פון אַן אַטלאַס אויפגעגליט,
מיט הדרת פון נגידישע געוואַנטן,
און קיין שום שבת מער דערנאָך
האָט זי נישט אויסגעזען אַזוי

ווי יענעם אויפדערנאַכט
ביים מאָלצייט מיט דעם בעטלער אומבאַקאַנטן.

***

פאַרטאָגס האָט עמעצער אין אונדזער לאָדן אָנגעקלאַפּט,
אין דרויסן האָבן גלעקלעך פון אַ שליטן זיך צעקלונגען.
באַלד זענען גויים, רימערס צוויי, אַריין
און ביי דעם טאַטן פעל גענומען דינגען.
געפירט האָט זיי דער טאַטע אינעם שטאַל,
געוויזן זיי אַ סחורה ווי אַ גאָלד,
די רימער האָבן געלט אַ שלל
דעם טאַטן אין מזומן אויסגעצאָלט,
מען האָט זיך אין די הענט געקלאַפּט
און גאָר גיך אין מקח דורכגעקומען.

ערשט שפּעטער האָט דער טאַטע זיך געכאַפּט:
— ווו איז דער אורח דען אַהינגעקומען?
דער טאָג האָט זיך אַ פריילעכער ביי אונדז געשטעלט,
נאָר ער, דער אורח, האָט אין שטוב געפעלט.

און ס'איז אַ שטוינונג אונדז געווען באַשערט
נאָך איין מאָל אין דעם זעלביקן פרימאָרגן.
די מאַמע האָט שוין איינהייצן די קיך געקלערט,
געוואָלט ביי שכנים האָלץ אַ ביסל באָרגן —
נאָר פּלוצעם זי דערזעט:
דעם טאַטנס פאָלצשטאָק אויף דער ערד
ווי פריִער גאַנץ איז זיך געלעגן,
נישט אָנגערירט אַפילו פון דער האַק.

פון וואָס עס האָט ביי אונדז אין קיך דער פלאַם
לאַנגע שעהן נעכטן מיט אַ היימלעכקייט געפלאַטערט,
געבליבן איז פאַר אונדז אַ סוד,
אַ רעטעניש וואָס האָט אונדז לאַנג געמאַטערט.

ליידיקע פעסער

ביי אונדז אין שטוב אין יענע ווייטערדיקע וואָכן
האָט מען דערפילט דעם טעם פון מזל־ברכה.

דער פרילינג האָט געשטעלט זיך דעמאָלט פרי
און ס'איז די ערד אָן אויפגעקוואָלענע געלעגן.
זי האָט אַ טאָרפיקע מיט בלאָטעס ביז די קני
געוויקט זיך אונטער הימלען פול מיט רעגן.
געקומען איז די שפע אין דער שטוב
און מיטגעבראַכט מיט זיך האָט זי די זעט.
די פעל האָט מען געדונגען שוין אין גרוב
און פונעם דאַמב מען האָט זיי שוין צעכאַפּט.
געקומען זענען רימערס פון די ווייטסטע שטעט
און גאָר גיך צום מקח צוגעקלאַפּט.

געווען איז לעדער חריף יענע צייט
צוליב דעם פריִען פרילינגדיקן אַקער.
דער פויער קיין געשפּאַן האָט נישט פאַרגרייט,
ווען ס'האָט די אַרבעט אינעם פעלד געטאָן אַ פלאַקער.
געריסן האָט מען ביי די סוחרים פון די הענט
די כאָמעטעס, די לייצעס און די טרעפּעס.
עס האָט דאָס גאַרבערפאַך זיך שפעדיק צעבליט —
דערפון מיין טאַטן איז אויך צוגעפאַלן עפּעס.

ער האָט געהאָרעוועט מיין טאַטע ווי פאַר דריי,
אין זיבן שווייסן איז דער טאָג אים אָפּגעגאַנגען.
די מאַמע האָט געהאָלפן אים דערביי,
זיך העלדיש מיט די אָקסנפעל געראַנגלט.
אַ פויער פונעם דאָרף, אין מאַנצביל־שטיוול צווײ,
האָט זי געשפּרייזט מיט שאָנדעס צו דעם ברונעם.
מען האָט געדאַרפט די מאַמע דעמאָלט זען
ביים בייצן ס׳לעדער אין די בייכיק־גרויסע טונען,
ביים רייניקן דעם שערך פון אָקסנפעל
מיט קרומער טעמפּער קאָסע.
אַ גאַנצער כל־ולך אין טאַטנס גאַרבעריי,
האָט זי געשלעפּט אויף זיך אַ חלק עול־פּרנסה.

און כאַטש זיי פלעגן דאָן אין יעדן אָוונט מיד
אוועקפאַלן ווי שטרוי אויף זייערע בעטן,
געוועקט האָט זי נאָך אַלץ דעם מידן ייִד,
געוואָלט מיט אים אַ תּכליתדיקן רעד־טאָן:
— כאָטש דאַנקען גאָט, דאָס שטיקל טרוקן ברויט
מען דאַרף אויף באָרג ביים קרעמער שוין נישט בעטן.
נאָר ס׳קומט דערפון אַרויס?... דער ליבער יום־טוב גייט
און אויב נישט טראַכטן שוין אַפילו וועגן זיך,
ווי מאַכט מען נישט דער מויד אַ שטיקל קלייד
און איציקן... געוואַלד,
דעם ייִנגל כאָטש אויף פּסח אַ פּאָר שיך!

דערפאַר קאָן זיין איז איין מאָל אין אַ שבייסצענאַכט
ר׳ זאַנוועלע צו אונדז אין שטוב אַריינגעקומען,
פאַדראָבנע אויסגעפרעגט וואָס יעדער איינער מאַכט
און ערשט דערנאָך אַ פּעקעלע פון טאַש אַרויסגענומען,
געטיילט אונדז צוקערלעך באַזאַכט,
זיך איינגעקוקט דערביי אין יעדנס פּנים.

Marek. Halter

ס׳האָט אויסגעזען: ער האָט פאַר אונדז געבראַכט
דאָס טעלערל פון הימל אַ מתנה.

געווען ר׳ זאַנוול איז פון טאַטנס צד
אַ ווייטער אָפּגעפרעמדטער קרוב.
אַ מויל אויף שרייפלעך האָט דער ייִד געהאַט,
כאַטש אויפן קוק — מסוכן דאַר און חרוב:
אַ פּנים ווי אַ געלער וואַקס,
די אויגן טיף אין קאָפּ אַריין באַהאַלטן.
אַזאַ מין שיטער בערדל אויף דער גאָמבע וואַקסט,
ווי ס׳וואָלט דער האָר זיך שווער געווען אויף איר צו האַלטן.

דער ייִד, זאָגט מען, געהאַט האָט געלט אַ סך,
נאָר צוליב זיין קאַרגשאַפט און עקשנות
גערופן האָט די שטאָט אים „קורח״.
שוין אָפּגערעדט, אַז הינטער זאַנוולס דאַך
גענעכטיקט האָט נאָך קיין מאָל נישט קיין אורח.
געגעסן האָט מען שבת ביי זיין טיש
פון ערדענע, פון ליים־געברענטע שיסל,
געקויפט האָט ער אַליין אין מאַרק די פיש
און אַלע מאָל פון פּרייז אַראָפּגעריסן.

אין שטוב ביי אונדז האָט מען שוין לאַנג געוווסט:
ר׳ זאַנוול וויל אַ שותפות מיטן טאַטן.
איצט האָט ער זיך פּאַמעלעך אויסגעהוסט
און אָנגעהויבן ריידן מיט אַ קול אַ גלאַטן.
ער האָט געמשלט זיס דאָס גרויסע גליק
וואָס ער פאַר אונדזער שטוב איז אויסן:
— איך גיב נאָר — זאָגט ער — כלאחר־יד אַ קוק
און כ׳זע, דו שטייסט נאָך אַלץ אין דרויסן.
די גאַרבער פון דער לאַנגער גאַס
זיי באָדן זיך אין ווילטאָג, אין עשירות,

און דו — דו ווייסט נישט מער ווי ס׳פּאַס.
און ווער די לאָקשן שלינגט —
ביי דיר נאָר זינגט מען זמירות.
צו דיינע הענט ווען שכל כאַטש אַ קאַפּ,
וואָלסטו דאָך איינגעמען אַ וועלט,
עס וואָלט אַוועק דיר ווי אַ מיזמור.

קוועלנדיק אַליין פון זיינע רייד
האָט ער דאָס בערדל אין דער פויסט געטאָן אַ כאַפּ
און אָנגעהויבן פון דאָס ניי דעם פּיזמון:
— און חוץ לזה — דאָס מסחר דאַרף דאָך געלט.
אַ יום־טוב גייט, מען טאָר אים נישט פאַרשעמען,
און חלילה פון דער גאַרבעריי אַצינד צונעמען
און מאַכן יום־טוב ווי ס׳געהער צו זיין,
וועסטו נאָך פּסח בלייבן שטיין
נקי — ווי אַ פּויער פאַרן נייעם.

לאַנג, נאָך לאַנג ר׳ זאַנוול האָט געברייעט
און ס׳האָבן זיינע רייד די שטובלייט ווי פאַרכישופט.
דאָך האָבן טאַטע־מאַמע שפּעט ביי נאַכט
אויף די געלעגערס זיך נאָך אַלץ געישובט.
מ׳האָט אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג,
ביז ערב פּסח איז געשטאַנען אויף דער שוועל.
דער טאַטע האָט געציילט וואָס ער פאַרמאָגט,
דעם יום־טוב אויסגעחשבונט אויף די פעל,
גערעכנט שווער, מיט קריידלעך אויפן טיש
דאָס אביונדיקע האָב און גוטס פאַרשריבן —
ביז ס׳האָט זיך אים דער קאָפּ פאַרמישט
און זאַנוול אונדזער שותף איז פאַרבליבן.

געגעבן האָט ער אונדז דערווייל אַ ביסל געלט
דעם פּסח אין דער שטוב אַריינצופירן.

יצחק יאַנאַסאָוויטש

דער טאַטע וואָלט אונדז נייע שיך באַשטעלט,
נאָר ביי די שוסטער האָט מען „אָפּגעקלאַפּט די טירן”.
זיי האָבן אַרבעט איצט געהאַט אַזוי פיל,
אַז וועגן אונדז איז נישט געווען קיין רייד.
מען האָט אונדז צוגעזאָגט דעריבער קויפן
מיטוואָך אויפן טאַרג — שוין גרייטערהייט.

נאָר אויך מיטוואָך אויפן טאַרג מ׳האָט נישט געקויפט,
ווייל צו פיל שוין דעם פרייז אַרויפגעשרויפט
די קרעמער האָבן אין דעם ערב־פּסחדיקן פייער.
מיר האָבן וואַרטן שוין געמוזט ביז חול־המועד
די יום־טוב־שיך פּאַרשפּעטיקט צו באַנייען.

נאָר שווערער ווי אין יעדן יאָר
איז אונדז געווען ביים סדר־טיש
צו זיצן אין וואָכעדיקע שמאַטעס.
ס׳האָט זיך אַזוי געוואָלט צום דאַווענען אין שול
איצט גיין ווי קינדער אַנדערע מיט זייערע טאַטעס,
און ווען דערצו אין ערשטן יום־טוב־טאָג
אַוועק די שטאָט איז אויף שפּאַצירגאַנג
פאַרביי די פענצטער אונדזערע צום וועג
וואָס פירט צום שלאָס און צו די טאַטערישע חורבות —
מיר האָבן דעמאָלט ערשט דערפילט:
מיר זענען באָרוועס.
און ווי אַ הונט מען וואַרפט אין כעס אַ שטיין,
געוואָרפן האָבן מיר דער דרויסנדיקער גאַס
אַ ברי׳ענדיק געוויין,
אַ קלאָג וואָס וואָלט פאַר תשעה־באָב געפּאַסט.

דערנאָך — דער יום־טוב איז אַוועק
און ס׳האָבן היצן שאַרפע גאָר געשטעלט זיך.

אַ שטוב אין שטעטל

עס האָבן אויפגעבלאַנקט איצט טעג ווי בלויע העק
און ס׳האָט דאָס לעדער־מיסחר אָפּגעשטעלט זיך.

אַ גאַנץ פאַרדרייעניש האָט זיך דערנאָך געמאַכט
מיט דעם ר׳ זאַנוועלען, דעם טאַטנס שותּף.
געשלעפּט האָט ער צום רב דעם טאַטן אַלע נאַכט
און דאָרט געקריגט זיך, געטענהט און געשריגן.
די מאַמע האָט געכליפּעט: אַ גזלן אויפן שליאַך
וואָלט נישט קיין האַרץ געהאַט אַזאַ פאַרדאַרבנס.
בלויז דער טאַטע האָט ווי תּמיד שטיל געשוויגן
און פון די אויגן האָט אַרויסגעקוקט דער קרבן.

פון דעמאָלט אָן דאָס מזל האָט זיך צוריקגעדרייט
און איז פון אונדזער שטוב אַנטלאָפן
און פונקט ווי פריִער ווינטערצייט
פאַר אַלע אומגליקן איז אונדזער טיר געווען אָפן.

און אַלץ געגאַנגען איז שוין באַרג־אַראָפּ,
עס איז קיין אָפּהאַלט מער שוין נישט געווען.
עס האָט געגרויט דער מאַמעס קאָפּ
און אָפּגעווישט אַ יעדן סימן פון איר גזע.
אין איר שטאָם די שטאָט האָט גיך פאַרגעסן,
ווייל שוין צו לאַנג מיר זענען אין קבצנות זיך פאַרזעסן.

ווער האָט זיך אומגעקוקט אַצינד אויף אָט דעם ייִד
וואָס האָט זיך שטיל ביי אַלע ווענט געשאַרט?
ער האָט דאָס מזל זיינס נישט אָפּגעהיט
און אויף קיין אַנדערס מער זיך נישט דערוואַרט.
דורך אונדזער וועלט האָט ער אַצינד געשלייכט
און האָט דאָס לעבן זיינס אַדורכגעטראָגן
ווי אַ געוויין פאַרשטיקטן אין דער קעל.

ער האָט צו אַ מעמד זיך געפּרוּווט אַ מאָל דערשלאָגן
מיט האַרטע הענט ביי עיפּושדיקער פעל —
נאָר נישט די אָרעמקייט, זי האָט ער נישט פאַרטריבן.
ס'איז אים דער לעדער־ריח בלויז געבליבן.
און אָט דער פעלגערוך געוואָרן איז דער פּלויט
וואָס האָט זיין וועלט אַרומגעצוימט
מיט עלנט און מיט אומעט.
די גאַס, די סוחריש־זאַטע
פון לומדים בעל־הבתים,
זי האָט פון אים געוויכט
און אויב ער האָט אַ מאָל געגרייכט
צו אַ וואָכיקן והוא־רחום
פאַרן קליזלדיקן עמוד,
עס האָבן קרעמער מורמלענדיק
די נעז געשנייצט זיך
מיט העוויות פון דעם לעדער־ריח דעם האַרבן
און ס'האָט דער שטענדיק פאַרכטיקער נר־תמיד
מיט אַ רויטער פלעמלדיקער צונג גערייצט זיך
מיט דעם טאַמעוואַטן גאַרבער.

ער האָט צום סוף אַראָפּגעלאָזט די הענט,
די מידע גאַרבערהענט מיט געלע גרויסע פלעקן
אויף די נעגל,
און איז אין נויט געבליבן שוין דאָרט שטעקן
ווי אַ זעגל
אָן אַ ווינט אין גרויסן טויטן ים:
אַ ייִד פאַרקלערט אין זיך אַליין — אַ תם.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט,
די מידע גאַרבערהענט, ווי רויע שטיקער פלייש
צעשפּאָלטענע פון קאַלך און צעהאַקטע

אַ שטוב אין שטעטל

פון שוועבל און פון גיפטיקע עקסטראַקטן,
די שווערע שאַרסטקע הענט
וואָס האָבן קיין מאָל, קיין מאָל נישט געקענט
די זעטיקייט דערברענגען צו דער שטוב,
די אָרעמקייט פאַרטרייבן פון זיין שוועל.
און אינעם פאַס אין אויסגעקאַלכטן גרוב
עס זענען ווייניקער געוואָרן אַלץ די פעל
און הונגעריקער, הונגעריקער אַלץ
די קינדערס גרויסע אויגן.

און ס׳האָט געפּוסטעוועט דאָס גאַרבערישע פאַס,
דער אייזנפאַלץ מיט זשאַווער זיך פאַרצויגן.
און אויף דער שטעטלדיקער גאַס,
זיך שלייכנדיק ביי אַלטע קרומע ווענט,
זיין פּלייצע האָט נאָך מער זיך איינגעבויגן.
ער האָט דאָס שטעטל נישט דערקענט:
אָט דאָ האָט ער אַ לעבן אָפּגעלעבט?
אָט דאָ האָט ער זיין ערשטן טראָט געשטעלט?
טאַטע פאָטער — האָט דער ייִד געטראַכט —
ס׳אַר אַ תכלית האָט מען עס געמאַכט
פון דיין גרויסער לעבעדיקער וועלט.

מאָך און שטויב

אַט איז דער וואַרשע־לאָדזשער שליאַך —
אַן אַלט־פאַרגעסענער —
מיט שטויב און זאַמד פאַרשאָטן.
די וועלדער מאַכיקע ווי פייכטע שטיקער נאַכט
געפאַנגען האָבן אים אין קלעם פון זייער שאָטן,
פאַרלאָקערט אים אין פלאָנטער פון געצווייג
און בלאָנדזשען אים געלאָזט אויף וויפל מיילן,
און ווען ער איז אַרויס פון זיי ווי פון אַ שטייג,
ער האָט דערזען, אַז ווי! גישטאָ שוין וווּ צו איילן.

איצט ציט ער זיך פאַרביי,
דער אַלטער וואַרשע־לאָדזשער שליאַך,
אַרום דעם שטעטל אונדזערן
און שטעטלעך אַנדערע אַ סך
מיט פאַרכטיק אויפגעוויגטע שרעקן
פון בית־עלמינס שטומע
און מיט אַ גרויען נאָגנדיקן אומעט
פון צווינטערלעך מיט רויע סאָסנע־צלמים
און מיט בעריאָזע־קרייצן אויף די שיידוועגן צעשטעלט
ער קלעטערט מיד אַרויף אַ באַרג — אַט קוים ער גייט,
אַט קוים אַ טראָט ער שטעלט.
ער בלאָנדזשעט לאַנג, פאַרתמט, אַרום אין פוסטן פעלד


M.H.

און קריכט אַוועק צו סאַזשלקעס פון טאָרף,
און ווען די בריק די הילצערנע פאַרשווינדט,
ער פאַלט אַריין אין אַ פאַרשלאָפן דאָרף
צווישן העכערקריי און בילנדיקע הינט.

און ווייטער גייט דער אַלטער שליאַך און גלאָצט
זקניש־בלינד, פון אַלעמען פאַרלאָזט.
ער שטעלט זיך אָפּ ביי קרעטשמעס הפקרע,
ווו אויף די דעכער וואַקסט שוין לאַנג דער מאָך
און אויף די שוועלן גרינט שוין לאַנג דאָס גראָז.
ער שטייט אַ וויל אַזוי, ווי זיך געוואָלט דערמאַנען
און ווי ביי עמעצן אַ זייטיקן ער וואָלט געוואָלט דערגיין:
— ווו זאָל ער ווייטער שפּאַנען?
ווו זאָל ער ווייטער גיין?

און אָט אַזוי אין פוילקייט מיד פאַרדרימלט
ער בלייבט שוין ליגן דאָ און אונטער כמאַרעדיקן הימל
עס הייבט אים אָן אַ ווייטע בענקעניש צו נאָגן.
אים דוכט זיך אויס: מיט זשאַווערדיקן רעדערסקריפּ
פון בוידן אָנגעלאָדענע, וואָס איילן זיך און יאָגן,
מיט צאָק פון קאָפּיטעס און טלאָען,
מיט פוסגייער־געווימל
צוריקגעקומען הייגט דאָ דער אַמאָל איז
מיט פערדגעהירזש און בייטשנקנאַל,
מיט יענעם בראָנפן־ריח
און געגדז געבראָטענע געררוכן
פון קרעטשמעס רעשיקע, מיט שיכורלעכע קללות
פון אייביק וואַרטשענדיקע בעלי־עגלות
און אייביק ניכטערע מהיכא־תיתי־רייד
פון קרעמער יידישע מיט פיבערדיקע הענט.
ער הערט, דער שליאַך, אין דרימל ווי געפּלעפּט,

אַ שטוב אין שטעטל

עס בלאָנדזשען עכאָס אום פון ווערטער נישט דעררעדט:
— נו מאַ... הכלל... אם ירצה השם, מען וועט...
אויב גאָט וועט העלפן נאָר
און ס׳וועט קיין מכשל זיך נישט מאַכן אין געשעפט.

ער פלאַטערט אויף מיט ווינט און גרויע שטויבן
ביים פייף און רעדערגאַנג פון ווייטע, ווייטע באַנען
וואָס שלינגען מיילן איין מיט גיריקייט צעגליט.
און ער דערפילט, דער שליאַך,
ער איז שוין אַלט אַזוי,
אַלט אַזוי און מיד
און וועט אין ערגעץ נישט דערגרייכן מער אַוודאי.
און ווען ער זאָל דערגיין שוין ערגעץ ווו אַ מאָל,
די וויאָרסטן זיינע שטויביקע
דאָרט צו דער ווייט דערטראָגן,
עס וועט דעם וועג פאַרלויפן אים
די שכנותדיקע יונגע אויטאָסטראַדע
און וועט מיט חוזק אים אַריבעריאָגן.
ער קריכט דעריבער טיפער אינעם טאָל
און ביי אַ פאַרקאַן פון אַ הייזל צוגעדריקט
ער ליגט —
אַן אַלטער, אַ פאַרגעסענער מיוחס.
און ער געדענקט:
עס האָט אַ מאָל אַ שטאָט אים
מיט אַ וויכטיקער שליחות
צו אַ צווייטער שטאָט געשיקט.

און דאָרטן, ווו דער שליאַך זיין גאַנג אַמאָליקן
האָט יאושדיק פאַרלוירן,
פון דאָרטן, ווו ער בלאָנדזשעט אום
און ווייסט נישט ווייטער ווו צו גיין —

מיין טאַטע קוקט אַצינד אויף שטעטלדיקע מויערן
און ס'טריפט זיין טרויער אָפּ אויף יעדן שטומען שטיין:
— געווען אַ מאָל אַ שטעטל דאָ פון שטעטלעך
מיט הייזער ציגלנע
און הייזקעס אויך פון ברעטלעך,
מיט דעכער בלעכענע און דעכעלעך פון שטרוי,
אַ שטעטל גלייך מיט אַלע שטעטלעך,
מיט אַ רב אַן אייגענעם — „אב בית דין ד'פה",
אַן עיר ואם — אַ טומלדיקער כרך
אויף דעם אַלטן וואַרשע־לאָדזשער שליאַך.

אַ ייִדיש שטעטל אויף דעם אַלטן וועג
מיט דערפלעך פּויערישע אַרומגעגאַרטלט,
מיט וועלדער טונקעלע וואָס וואַרטן
אויף בלאַנקענדיקער זעג.
אַ שטעטל איז געווען —
מיט תבואה־פעלדער ביז די הימלראַנדן ווייט,
מיט שוואַרצער אַקערערד אין האַרבסטווינטן פּאַרוויים,
מיט עפּלסעדער שפּעדיק און גרין,
מיט טל,
מיט טוי,
מיט פינקלענדיקער ראָסע,
ווי בריליאַנטן אין אַ גאָלדענעם באַגין.
מיט ווייץ און טאָרף און ברייטע שטחים קרויט —
וואָס דאַרף אַ ייִדיש שטעטל דען אַחוץ פּרנסה,
וואָס פעלט אַ ייִדיש שטעטל אויסער ברויט?

נאָר ס'איז די שפע שוין צום שטעטל נישט דערגאַנגען,
זי איז אַוועק אַצינד מיט יענעם נייעם טראַקט.
זי איז צו שטעט, צו פרעמדע שטעט דערגאַנגען
אויף נייעם אַספאַלטוועג, אין לאַסטאויטאָס געפּאַקט.

אַ שטוב אין שטעטל

עס האָט דער ווייץ
די כוואַליעס גאָלדענע דערוויטערט פונעם שטעטל,
כאָטש לויף אים נאָך מיט אויסגעשטרעקטע הענט,
און ס׳האָט דאָס האָלץ פון וועלדער היימישע
אין ווייטע שטעט איצט אויסגעברענט.

און קרעמער יידישע און אויך די בעל־מְלאכות
דרייען אום זיך פויל און שאָטנדיק פאַרשלאָפן:
אַז די פּרנסה איז ווי אויף „צעלאָכעס"
פון אונטער זייערע הענט אַנטלאָפן,
אַז קיינער היט אין זומערנעכט שוין נישט קיין סעדער
און פונעם יידיקגיין עס טוען ווי די פּלייצעס.
ס׳האָט אָפּגערוישט דער וועג... קיין פערדסגעשפּאַן
עס דאַרפן אויטאָס נישט, קיין כאָמעטעס, קיין לייצעס,
און ס׳דאַרף קיין בייטשן נישט פון לעדער
די פייפנדיקע באַן...

אַ וועלט געווען — האָט גאָט געזאָגט: עד כאן...

ג א ו ת

גאָר אומגעריכט עס האָט אַ נייע צרה
אויף אונדזער בידנער שטוב זיך אָפּגעריסן.
געקומען איז פון דאָרף צו אונדז אין שטאָט
דער מאַמעס ברודער הענעך, אונדזער פעטער.
קריעה־בליעה, באָרוועס, אָפּגעשליסן
האָט ער אונדז אויפגעוועקט אין נאַכט דער שפּעטער.
זיין פּנים שוואַרץ, שטעכיק־ווילד און האָריק,
אַ שענערס נאָך מען לייגט שוין אין די ברעטער.
אַזוי זעט אויס מסתּם אַ הרוג,
אַזוי האָט אויסגעזען אויך אונדזער פעטער.

ס׳איז נאַכט געווען, מיר זענען שוין פון לאַנג געשלאָפן,
נאָר פּלוצעם אויפגעוועקט האָט אונדז אַ מוראדיק געקלעפּער.
ס׳האָט אַלע אין דער שטוב אין שרעק אַרומגעכאַפּט
אַ חמימה ווי אין הייצאויוון ביים טעפּער.
מיט פרעמדע פיס דער טאַטע איז פון בעט אַראָפּ
און מיט אויסגעשטרעקטע הענט די פינצטערניש גענומען טאַפּן.
מיט אַן אַנגעשפּאַלטן קול די מאַמע האָט געפרעגט:
— וואָס קאָן דאָ זיין? ווער קאָן דאָס איצטער קלאַפּן?
אויף דעם האָט זיך דערהערט אַ געברום
און אין דער שטוב אַריינגעפאַלן איז אַ קנויל פון נאַכט.
דער פעטער איז געלעגן אויף דער ערד,

Marek Halter

גענואָרגן זיך מיט רייד אין ווילדן סאַפּן:
— די טיר... דערבאַרעמט זיך... די טיר פאַרמאַכט,
זיי יאָגן מיך... זיי ווילן מיך דאָ כאַפּן.

ערשט שפּעטער האָבן מיר באַנומען זיין געשריי
און אויך דאָס אומגליק וואָס האָט אים געטראָפן.
די האָר פון קאָפּ און באָרד פאַרפּלאָנטערט און צעשויבערט,
מיט ווילדן אויגנגלאָץ, פון שרעק אַ בלייכער
איז ער געזעסן דאָ אויף אונדזער אַלטן קויבער
און אויסגעקלאָגט פאַר אונדז זיין איכה:

— אַז ווי איז מיר! פון אונטער זייערע העק אַנטלאָפן
בין איך אַוועק זיך ראַטעווען אין שייער.
אויך דאָרט עס האָט דאָס אומגליק מיך געטראָפן.
זיי האָבן מיך ביז בלוט צעשלאָגן,
און ווען צעלייגט זיי האָבן שוין דאָס פייער,
האָט מיך דער אימפּעט ווילד אין וואַלד אַריין געטראָגן.
איך לויף און זיי נאָך מיר... זיי יאָגן מיך... זיי יאָגן.

אומזיסט געווען איז אונדזער מי
זיך עפּעס וואָס דערוויסן און דערפרעגן.
ער האָט געשטאַמלט נאָר: — ס'איז זי, ס'איז זי.
געשאַרפט האָט זי די ציין אויף מיין פאַרמעגן.
און ווען פאַרשפּרייט אין דאָרף ס'האָט זיך די בייעס,
האָט זי צו מאָרד געריצט די טעמפּע חיות.

אַזוי האָט ער געפּלוידערט און געשריגן
און אויסגעברומט זיין ווייי ווי פון אַ תהום,
געוואָרן פּלוצעם שטיל... אַ רגע אָפּגעשוויגן
און ווידער אויסגעקלאָגט מיט איכהדיקן ניגון:

אַ שטוב אין שטעטל

— איך נאָר האָב נישט געזען,
עס גרייט זיך צום פּאָגראָם.

דאָס לעצטע מאָל געווען איז ער ביי אונדז אין שטוב
מיט יאָרן פינף און אפשר זעקס צוריק.
זייט דאַן געזעסן איז ער אינעם דאָרף,
מיט אונדז און מיט דער גאַנצער שטאָט צעקריגט.
געווען איז ער אַ פאַרבער פונעם פאַך,
אַ בריה וואָס נישטאָ נאָך איז זיינס גלייכן.
זיין אומגליק איז געווען, וואָס געלט אַ סך
צוליב כבוד בלויז ער האָט געוואָלט דערגרייכן,
און וואָס ער האָט פאַרמאָגט, געווען איז אַלץ אים ווייניק.
זיך מיט דער גאַנצער וועלט צעקריגט,
האָט ער אויך זיך אַליין פאַרפּייניקט.

געווען איז געלט נישט צוליב קמצנות בלויז זיין תאווה.
ס'קאָן זיין, ער וואָלט געווען אַ ווילער ייִד,
ווען נישט די גאווה
וואָס האָט אַ נישט־געשטילטע אים פאַרביטערט.
ער האָט פאַרגעסן נישט געקענט זיין שטאַם,
די זיבן דורות פון זיין יחוסדיקער גזע
וואָס זענען אינעם שטעטל דאָ געוועזן
יאָרן לאַנג באַפעלער און געביטער.
געווען איז ער — דער לעצטער מין הסתם —
וואָס האָט זיין שטאָלץ — אַ שווערע קייט — געצויגן,
זיך פאַר דער גבירישאַפט דער נייער נישט געבויגן,
געשטאַנען קעגן זיי גלייך און העזהדיק פאַרריסן.

אַ לעבן לאַנג מיט זיי זיך נאָר אַרומגעריסן
און שטענדיק מיט דין־תורות זיך פאַרנומען,
די שינאה פון אַ שטאָט האָט ער אויף זיך גענומען
און האָט אַליין זיין לעבן זיך צעבראָכן.

יצחק יאַנאַסאָוויטש

דאָך טיף געגלייבט האָט ער, אַז ס'וועט נאָך קומען
דער לאַנג דערוואַרטער טאָג פון זיין ניצחון.

שווער צו זאָגן איצט אין וואָס די קריג
באַשטאַנען איז אין יענע צייטן,
נאָך שווערער איז צו וויסן וואָס דער זיג
וואָלט אים געברענגט פון זיינע שטרייטן.
בטבע איז דער ייִד געווען נישט שלעכט,
ווען ס'איז אים נאָר דער ווילדער כעס פאַרגאַנגען,
נאָר דער שגעון פון צו זיין גערעכט
האָט אים אין קרענקלעכקייט געפאַנגען,
פאַרוויסט אים זיינע טעג און נעכט
און אַלץ קאַפּויר איז אים דורך דעם געגאַנגען.

געשטאָרבן איז אים יונג דאָס ערשטע ווייב
די מומע רחלע — נשמתה עדן.
האָט ער להכעיס שטאָט געברענגט זיך פון דער ווייט
אַ גרושה מיט דערוואַקסענע צוויי מיידן
און מיט אַ זון אַן אַכצן־יעריקן, אַ בור־דאורייתא.
און דאַן האָט מען ביי אים אין שטוב
גענומען ביי די קעפּ זיך רייסן.
געוועזן איז ער ביי אַלעמען צו שפּאָט
און זיך געשעמט אין שול אַריין צו ווייזן.

ביז לסוף — די טעכטער און דער זון
זיי האָבן אים פון שטוב אַרויסגעטריבן.
ער האָט געטומלט פיל... וואָס קומט אַרויס דערפון —
סיי ווי איז ער, דער נאַר, אין דרויסן שוין געבליבן.

דאָס שטעטל ווי אַ קעסל האָט געקאָכט —
אַ טייל האָט מיטגעפילט, אַ טייל האָט אויך געפרייט זיך.

אַ שטוב אין שטעטל

אַ לאַנגע צייט דערנאָך
האָט ער אין שטעטל דאָ אַרומגעדרייט זיך,
געסטראַשעט מיטן „סוד"... ער וועט די קינדער קלאָגן,
אַ וועלט איז נאָך נישט הפקר... זיי האָבן אים געשלאָגן,
פאַרשפּאַרט אים אין אַ קעלער זיי האָבן אַלע דריי,
און זי, זיין ווייב, געשטאַנען איז דערביי —
און כאָטש אַ וואָרט זי זאָל די בענקאַרטעס דאָס זאָגן.

נאָר אין דער שטוב דער אייגענער
זיי האָבן אים נישט מער אַריינגעלאָזט
די גוטע חברה־לייט, די שטיפקינדער די טייערע.
ווי לאַנג עס האָט זיך נאָר געלאָזט,
גענעכטיקט האָט ער נעכט ביי שכנים אין די שייערן,
געקומען אויך צו אונדז און אָפּגעגעסן
און זיך אַזוי ביז שפּעט אין נאַכט אַריין פאַרזעסן,
גערעדט מיט שוים, געהיצט זיך און געשריגן,
דערציילט, אַז זיי — זיי האָבן איצט שוין חרטה,
נאָר ער — גענוג האָט ער געשוויגן,
איצט מוז שוין זיין אַן עק און פּטור:
ער וועט נישט רוען, זיך נישט איבערבעטן,
כל־זמן ער וועט פון שטוב זיי נישט פאַרטרייבן
און אויך מיט איר — דעם ווייב — ער וועט זיך גטן,
עס זאָל פון זיי קיין זכר דאָ נישט בלייבן.

דערוויזן האָט מיין מאַמע, אַז פאַרקערט,
אַז „זיי" גאָר האַלטן זיך אין גרויסן.
זיי האָבן נאָך פון תשובה נישט געקלערט,
כל־זמן דער „סודיאַ" מאַכט ביי זיי אַ כוסה.
עס האָבן מענטשן שוין געהערט,
ווי ס'האָט דאָס זונדל אים געטאָן צו וויסן,

אַז אויב ער וועט נישט אָפּזיצן מיט גוטן,
וועט ער מיט בייזן שיקן אים אין תפיסה.

דער פעטער האָט גאָר הערן נישט געוואָלט
אַזעלכע רייד פון איר, מיין מאַמען.
געשטאַנען איז ער ווי אַ האַרטער שטאָל
וואָס שמעלצט זיך נישט אַפילו אין די פלאַמען,
געקאָכט האָט ער אין כעס און געזידט
און זיך אַליין אין פייער אָפּגעבריט.

צום סוף איז ער אַוועק פון דאַנען,
פאַרפאַלן איז געוואָרן זיין געביין.
ערשט שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט:
ער וווינט אַליין
אין אַ דאָרף אַ וויטן, אָפּגעלייגט פון שליאַך,
און פאַרנעמט זיך מיט זיין פאַך.

אַ היפּשע צייט האָט ער אין דאָרף געוווינט,
זיך נישט געוויזן קיין מאָל צווישן מענטשן.
געקליבן, זאָגט מען, האָט ער געלט,
און לייט געוועזן וואָס פלעגן זיך שוין בענטשן
מיט זיין פאַרמעג, מיט זיין עשירות:
— ער איז ווי קורח רייך און אָסור אויב ער ווייסט,
ווי גרויס ביי אים אַליין שוין דער גביר איז.

איצט זיצט ער דאָ ביי אונדז אין שטוב,
אַ הוילער בוים פון שטורעמווינט צעבראָכן.
געקומען איז אַ טאָג וואָס האָט פאַרשוועכט
די פינף יאָר פון אַרבעט און בטחון,
צוריקצוקומען אין דער שטאָט אַ בעל־נצחון.
געמיינט האָט ער דורך מי און שווייס
צוריקצוקריגן דאָס וואָס שוין פאַרלאָרן:

אַ שטוב אין שטעטל

אַ היים... אַ מעמד און אַ טרייסט
אויף זיינע אַלטע נע־ונדע יאָרן —
נאָר אַלץ האָט זיך אין איין מינוט
ווי שפּינוועבס אין די הענט צעריסן:
דאָס דאָרף האָט אויסגעצאַפּט זיין שוויס און בלוט
און קוים זיין נפש בלויז האָט ער פון דאָרט אַרויסגעריסן.

אַ פּויערטע פון דאָרף וואָס האָט ביי אים געדרוימט
און האָט פון מאָל צו מאָל זיין ביסל וועש געוואַשן,
זי האָט איר זשעדנעקייט נישט איינגעצוימט
און סם געשאָטן אין זיין קאַשע.
און ווען מען האָט זי אַרעסטירט
און אָפּגעפירט קיין וואַרשע,
האָט אויפגעהויבן זיך אין דאָרף אַ רעש,
אַ שטורעם קעגן אים און די נישט־גלייביקע.
דערנאָך געקומען זענען לייט פון שטאָט
און אויפגעוועקט די יידן־שינאה אייביקע
און אויך דאָס דאָרף צו מאָרד און רויב געהעצט.
און אויף צום לעצט
געקומען איז די פּויערטע פון שטאָט באַפרייט
און אויסטערלישע רייד פאַרשפּרייט.
זי האָט דערציילט: עס גרייטן שוין פּאָליאַקן צו דעם טאָג,
ווען אַלע יידן וועט מען ווי די קעלבער קוילן.
אין שטאָט עס ווייסן קינד און קייט:
דער זשיד פאַרקויפט צום באָלשעוויק האָט פּוילן.
דערפאַר עס שטראָפט נישט מער די מאַכט
און יידן שלאָגט מען איצט אויף אַלע וועגן.
באַלד קומט דער טאָג: ווער נאָר אַ זשיד עס שחט,
אַ יורש ווערט נאָך זיין פאַרמעגן.

פון דער אַמבאָנע דער גלח האָט גערעדט
אין זיין פרייידיק וועגן יידן.

יצחק יאַנאַסאָוויטש

די שינאה איז געקומען פון די שטעט
און ס׳האָט דאָס דאָרף גענומען זידן.
דאָס אומגליק איז געקומען פון אַ וואָרט
און האָט צעשפּילט זיך ווי אַ וויכער.
און דאָרף פאַרשמעקט האָט איצט מיט מאָרד
און ס׳איז געקומען צו רציחה.

איצט זיצט ער דאָ, פון ווילדן האָס דער קרבן,
אַ מענטש — אַ מת — כאָטש ער איז נישט געשטאָרבן,
דאָס דוכט זיך אים: זיין לעבן איז אויף שטענדיק
דורך האַרטער גורל־האַנט צעריבן און פאַרענדיקט.

אַ שאָטן פון אַ מענטש — און דאָך דער שטאָלץ
האַלט אים נאָך אַלץ אין קלעם פאַרבלענדט.
כדאי געווען צו זען, ווי שטיל
מיין טאַטע האָט זיך פרייטיק ערב נאַכט
צו אים געווענדט:
— הענעך, ווער ווייסט אפשר וועלן מאָרגן
אין שול אַריין זיך מיין קאַפּאָטע באָרגן —
איז נאַ דיר זי און גיי. איך ווייס, מען דאַרף...
אַ מינהג שוין ביי אונדז... פון גומל־בענטשן...
נאָר ווי אַ חלף שאַרף
דער פעטער האָט אַ שנייד געטאָן מיט צאָרן:
— כ׳וועל בענטשן שוין אויף יענער וועלט
פאַר גאָט אַליין... און דיינע פיינע מענטשן
זיי וועלן זיך נישט קוויקן מיט מיין צרה.
ווי לאַנג איך לעב... זיי אַלעמען להכעיס,
איך וועל אין שול נישט גיין,
זיי זאָלן פון מיין שפלות קלייבן נחת.

טאַטע און פעטער

געבליבן שוין ביי אונדז אין שטוב
דער פעטער איז אויף לאַנגע וואָכן.
בשותפות מיט מיין מאַמען איצט
האָט ער גענומען זיך צו קאָכן.
נאָר היטן האָט מען זיך געדאַרפט,
ס'זאָל נישט דערוויסן זיך קיין מסור.
אַריין אין אונדזער שטוב איז איצט אַ סוד —
נאָר אויף דערפון נישט גרעסער די פרנסה.

געקומען ביסלעכווייז דער פעטער איז צו זיך
און ס'האָט די שרעק אים אָפּגעלאָזן.
ס'האָט אומגעקערט צו אים זיך צוריק
דער ריח פון פעלד און פרישע גראָזן.
עס האָט געשמעקט פון אים מיט קרויט
און מיט דער פרישער מילך פון מעלקן,
עס האָט געשמעקט פון אים מיט דאָרף,
מיט היי וואָס נעמט נאָך שניט שוין וועלקן.

מיר האָבן צוגעוווינט זיך איצט צו אים
און אים אַפילו ליב געקריגן
און נישט פאַרשטאַנען האָבן מיר די גרויסע
וואָס האָבן אַלץ נאָך זיינע מעשים נישט פאַרגעסן.

וי אַ בעל־תשובה האָט ער איצט געשוויגן
און זעלטן ווען געוויזן זיך אין דרויסן,
זיין מאַלצייט פון אַ טעפּל אויפגעגעסן
און אין אַ ווינקל לאַנג געזעסן שטיל.

מיט אונדז, די קינדער, נאָר האָט ער זיך אָפּט געשפּילט
און אויסגעמייסטערט אונדז פיל חידושדיקע זאַכן.
ווען טאַטע־מאַמע איז פון שטוב אַרויס,
פלעגט ער אונדז לערנען קרייען ווי די הענער.
אַליין פאַרשפּילט — פלעגט דעמאָלט האַרציק לאַכן
אונדזער אַלטער פעטער העניך.
דערציילן פלעגט ער טייל מאָל פונעם דאָרף
און פון די פויערן מאַכן „אַ טריאַטער".
אין שפּעטער אָוונט־שעה ביים זשאַר פון קוילנפלאַם
האָט ער אונדז אויסגעלערנט צו בראָטן שעפּסן־אייטער.

דאָס עסן אייטערפלייש מיין מאַמען האָט געאַרט.
זי ווייסט — זאָגט זי — מען מעג, נאָר ס'איז אַ מיגל,
ס'אַ מאכל פאַר די הקדש־לייט די בלינדע
און נישט פאַר אירע קינדער.
די קינדער אָבער האָבן נאָר דערויף געוואַרט.
אין אָוונטגרוי האָט זיך דער רויטער פלאַם
אין אויגן אונדזערע מיט סודות אָפּגעשפּיגלט,
געזעסן זענען מיר אַרום דער קיך
און ס'איז דער ריח בלויז געווען אונדז אַפּעטיטלעך.
שוין לאַנג אין אונדזער שטוב איז נישט געווען
ווי מיט דעם פעטער איצט אַזוי געמיטלעך.

און מאָדנע —
ווי צוגעלאָזט דער פעטער איז צו אונדז געווען,
דאָך פונקט אַזוי האָט ער פון גרויסע זיך דערווייטערט:

M.H

אין זייערע דלת־אמות פלעגט ער זיין
אָנגעיאָזשעט, שטעכיק, שווייגיק,
פול מיט אַ נישט־גוטן חשד.
זיין פּנים, — וואָס אין שפּיל מיט אונדז שוין אויסגעלייטערט —
פלעגט ווידער ווערן אויסגעלאָשן, מאַט.
זיין גאַנצער גוף, — די הענט און פיס: קנאָכיק, צווייגיק —
האָט עפּעס וואָלפיש־בייזס אין זיך געהאַט.
אין אויג ביי אים האָט אַ מטורפדיקער פלאַם
פון מאָל צו מאָל אומהיימלעך אויפגעבלענדט
און אויך זיין קופּערבאָרד — נישט אָנגערירט פון קאַם —
האָט דעמאָלט מיט אַ הפקר זיך צעברענט.

געשיקט צו אים נישט איין מאָל שוין האָט קהל
ר׳ לייזער וועלוועלעס, דעם שטעטלדיקן דיין.
באַטייט האָט דאָס:
— מאַלע וואָס געווען אַ מאָל —
איצט וועט די שטאָט אים געלט אַ ביסל לייען
און זאָל ער, הענעך, צוריק זיך נעמען צו זיין פאַך.
עס וויסט די שטאָט זיין ווערט
און וויל אים העלפן שטעלן אויף די פיס
דורך געבן אים צוריק אַ דאַך.
צופרי׳ער גאָט... וואָס דאַרף מען לאַנג דאָ ברייען?
אויף שלום שטייט ביי אונדז די וועלט.
דאָס בלאָזן זיך... וואָס, זאָג מיר, כ׳בעט דיך, טויג עס?
זאָל נעמען שוין אַ סוף
צום אַלט־פאַרנאַרטן רוגז.

נאָר ס׳האָט דער פעטער האַרט ווי שטיין
זיך נישט געלאָזט פון קיינעם בייגן:
— ר׳ לייזער, וואָס איר זאָגט, וועט זיין,
ווען איר׳ט מיך אין די קרשים לייגן.

אַ ש ט ו ב א י ן ש ט ע ט ל

דערווייל, ווי לאַנג ס׳גיט גאָט מיר כח
צו בינדן טעג אין נעכט
אין קשר פון מעת־לעתן,
איך וועל דער שטאָט איר בייז געשפּעט
אויף מיין חרפּה נישט פאַרגעסן.

דער אַלטער דיין לייזער וועלוולס —
אַ ייִד אַ מזג־טוב, אַ טויבענע נשמה
וואָס פלעגט אַ הונט אַפילו נישט דערצערנען
און האָט פון יצר־הרע נאָר געוווּסט
אַזוי פיל, וויפל ס׳ווערט פון אים גערעדט
אין די ספרים הייליקע וואָס ער פלעגט לערנען —
האָט אויפגעציטערט ווילד ביי אָט די רייד
און האָט דעם דיין־שטעקן זיינעם אויפגעהויבן.
דאָס פּנים בלוי... די באָרד האָט קאַלט געשנייט...
און קוויטשענדיקע רייד, זקניש־טויבע,
זקניש־בייזע האָבן זיך צו אונדז דערטראָגן:
— כ׳זאָג דיר, הענעך, ביסט אַוודאי ווער׳ט
אין דיין פאַרבלענדעניש,
מען זאָל דיך מלקות שלאָגן.

איך וואָלט דער ערשטער אויפן מיטן מאַרק
בפרהסיא דיך מים רימענס אויסגעשמיסן.
טוט אָבער ווי מיר ס׳האַרץ, ווייל כ׳זע,
אַז דו אַליין ווערסט פון נישט־גוטס געביסן.
דיין פאַרענטפערונג פאַר גאָט וועט אפשר זיין,
וואָס די עבירה איז פאַר דיר שוין אויך אַן עונש,
נאָר כאָטש אַזוי — עס קומט דיר אויך דערפאַר
אויף אָט דיין ווילדן קאָפּ קיין קרוין נישט.

נאָר אויב ר׳ לייזער וועלוועלעס דער דיין
אויף אונדזער פעטער האָט אַ מאַך געגעבן: עט! —

איז שוין מסתמא אַלץ פֿאַרפֿאַלן.
היינט, וואָס טויגן נאָך דעם טאַטן זיינע רייד?
וואָס טענהט ער זיך אויס מיט אונדזער פֿעטער?
צי ווייסט דער גאַסנווינט באַשייד,
פֿאַר וואָס ער פֿליקט פֿון בוים די דאַרע בלעטער?
צי ווייסט דער האָגל דען אין פֿעלד,
פֿאַר וואָס ער ברעכט די פֿולע זאַנגען?
און ווייס דער פֿעטער דען, פֿאַר וואָס ער שניידט
דעם טאַטנס האַרץ מיט מעסערדיקע רייד,
ווען ס׳איז אויף אים דער כעס אַרויפֿגעגאַנגען?

ווי ס׳ברענט דער שייער אינעם פֿלאַם
און לייכט זיך צו צו זיין פֿאַרניכטונג,
ווי ס׳איילט די שיף אין שטורעם־ים
צום פֿעלדז אין דער סכּנה־ריכטונג,
אַזוי האָט זיך מיין פֿעטער הענעך
צום אומגליק אייגענעם געטראָגן
און נישט געלאָזט קיין וואָרט זיך זאָגן.

— וואָס דרשנסטו מיר מוסר־רייד?
האָט ער צום טאַטן הויך געשריגן.
כ׳ווייס אויך נאָך וואָס אין פּסוק שטייט,
און וואָס דער פּסוק האָט פֿאַרשוויגן
ווייס איך אויך. עין תּחת עין, הערסט? —
דאָס איבעריקע איז אַלץ אַ גראָבער ליגן.

כ׳בין נישט קיין יויזעלע און וויל נישט זיין
אַזאַ ווי דו — אַ שוועל צו טרעטן.
אַן עניו איז די שקאַפּע אינעם שפּאַן
וואָס מיינט, עס וועט די בייטש זי גלעטן.
ווען זי וועט ווייזן איר אַן אויסגעדאַרטע פֿעל.
אויב דאָס איז גוט פֿאַר דיר — צו אַל די קאַדיק! —

אַ שטוב אין שטעטל

איז גיי אין שפּאַן ווי אַלע פּוילע פערד.
געגוג פאַר מיר — איך וויל נישט זיין קיין צדיק,
כ'וויל עולם־הבא אויף אונדזער ערד.

און כאַטש דער טאַטע האָט אויף זיין געשריי
געענטפערט נאָר מיט שטילן גוטן שמייכל,
פלעגט אויפשפּרינגען דער פעטער סיי ווי סיי
און שרייען: ווילסט מיך לערנען שכל?
איך האָב מיין אייגענעם... און איצט הער אויס,
דו גם־זוניק דו שטיל־שלימזלדיקער פעטעך:
פון דיין עניוות הערט זיך פאַר אַ מייל
דער קבצעניוק ווי פון אַ ליטוואַק רעטעך.
אַ קונץ צו זיין פאַר לייט איז פרום און ווויל,
און ווייב און קינדער זאָלן פאַלן
אויפן הונגעריקן מויל?
אַ קונץ צו זאָגן איז אויף אַלעמדינג „מ'טאָר נישט",
מבטל מאַכן געלט, חשיבות, שטאַט,
ווען קיין יחוס האָט מען אויף קיין האָר נישט
און אַליין פאַרמאָגט מען גאָרנישט?

דאָ האָט די מאַמע שוין איר וואָרט אַריינגעשטעלט
צום שוץ פון אים, מיין ניכנעדיקן טאַטן:
— דו ווייסט דאָך, העגעך, ווי עס זאָגן לייט
(און אויב פאַרגעסן שוין,
וועט דיך דערמאָנען נישט פאַרשאַטן):
שיין געוועזן און רייך געוועזן
איז נישט קיין סגולה צו אַ היינטיקן משא־ומתן.
וואָס קומט אַרויס דערפון... פון יחוס מיין איך?
אויף ברויט און נישט אויף כבוד איצטער ווייז איך.

— איך ווייס, איך ווייס,
האָט אויסגעברומט דער פעטער דורך די ציין.

יצחק יאַנאַסאָוויטש

קבצנים, יורדים זענען מיר אַצינד —
כ׳פאַרשטיי אַליין.
מיר אַרט נאָר וואָס פאַר אים,
דיין מאַן,
ס׳קבצנות איז אַ חן.
עס קומט דאָך אויס לויט אים,
ס׳דאַרף אַנדערש גאָרנישט זיין.

דו ווייסט דאָך וויל,
כ׳האָב נישט זיין שלעכטס אין זינען.
ווי לאַנג איז גאָר,
מיר פלעגןביידע — יינגעלייט נאָך —
צוזאַמען לערנען — פלייסיקע ווי בינען,
צוזאַמען טעג און נעכט,
ווי זאָגט מען דאָס:
געגעסן און געבענטשט...
נאָר דעמאָלט נאָך איז ער געווען
מיט מענטשן גלייך — אַ מענטש.
אַ בר־נש — ווי ס׳ציגל ביי דער וואָג
הוידעט זיך אַ מאָל אַרויף, אַ מאָל אַראָפּ.
אַפילו גאָטס מעת־לעת
האָט זיין שוואַרצע נאַכט און האָט זיין ווייסן טאָג.
איך בין אַ מענטש —
אַט הייב איך אויף זיך אין דער הייך
און אַט אין גריבער טיפע פאַל איך.
אַזאַ בין איך. אַזאַ איז ער געווען אַ מאָל.
היינט שטעכט ער מיר די אויגן אויס
מיט צדקות און עניוות בלויז.
וואָס וויל ער, כ׳בעט דיך, זיין? אַ מלאך?

און נאַכט נאָך נאַכט אַזוי
עס פלעגן אין דער שטוב נישט אויפהערן די קריגן.

אַ שטוב אין שטעטל

געוואָרפן האָט דער פעטער זיך אין כעס
און נאָר דער טאַטע האָט ווי תמיד שטיל געשוויגן,
געשמייכלט שטומערהייט צו זיך
מיט דעם שטילן קינדערישן שמייכל.
— ס'קאָן זיין — האָט ער אין זיך געטראַכט,
אַז הענעך איז גערעכט,
ער האָט פון מיר אַוודאי מערער שכל.
נאָר דאָך — כאָטש ס'פעלן רייד
וואָס זאָלן מיט אַ טאָלק די זאַך דערקלערן,
עס זאָגט מיר ס'האַרץ, אַז ער גייט
אויף אַ וועג אַ גליטשיקן און שווערן.
ס'איז עמעצער דען דאָס וואָס ער וויל זיין?
ער איז דאָך דאָס וואָס אים באַשערט דער גורל.
און אויב דאָס מזל גייט דורך לייד און פיין,
וואָס טוט דער מענטש? ער זוכט זיך צו געפינען
אַ ביסל טרייסט, אַז דאָס וואָס איז, מוז זיין
און האָט מסתם אַ זינען.
דערויף איז דאָך השגחה דאָ,
דערויף איז דאָ אמונה.

און הענעך גנבעך ווייסט נישט, אַז ער שרייט און שילט,
ווייל ערגעץ מוז מען האָבן אויך זיין שרייען.
וואָס טוט דער וואָלף אין וואַלד? ער וואָיעט ווילד
און אייביק שטום אין טייך מוז זיין דער שלייען.
אַן עבד איז דער מענטש אויף אונדזער וועלט.
היינט וואָס־זשע יאָגט ער זיך אַזוי נאָך געלט?
ער ווערט דורך דעם דען פרייער?

אָ, כאָטש געוועזן זיי זענען אין דער יוגנטצייט
ווי יונתן און דוד צוויי חברים

יצחק יאַנאַסאָוויטש

און עד־היום דער טאַטע איז נאָך גרייט
צו גיין פאַר אים אין טיפן וואַסער,
דאָך פילט ער, ווי אַ וואַנט אַ הויכע שטייט
צווישן ביידע איצט. זיי קומען זיך אַנטקעגן —
און באַלד גייט יעדערער אַוועק פאַר זיך.
זיי גייען איצט מיט אַנדערע צוויי וועגן:
דער טאַטע פון דער וועלט
צו זיך אַהיים טוט שפּרייזן,
דער פעטער הענעך גייט נאָך אַלץ
זיין קראַפט דער וועלט באַווייזן.

נאָר מיר, די קינדער אין דער שטוב,
וואָס ווייסן מיר? וואָס ווילן מיר דען וויסן?
די גאַנצע אַמפּעריי דערגייט צו אונדז ווי אין אַ חלום.
עס לויפן טעג.ביים קאַרגן הונגעריקן ביסן
וואָס גייט אונדז אָן ר׳ לייזער וועלוולס „שלום״?
וואָס אַרט אונדז, וואָס דער פעטער איז צעקריגט
מיט שטאָט, מיט לייט און מיט דער וועלט דער גאַנצער?
וואָס אַרט אונדז, וואָס זיין שינאה האָט אַרומגענומען אים
מיט איינזאַמקייט ווי מיט אַ פּאַנצער?
מיט אונדז איז ער — ס׳קאָן גאָרנישט בעסער זיין:
אַ חבר־לאַפּ צו אַלץ, אַ גרויסער הפקר־בער,
אַרומגעהילט מיט סוד
וואָס ציט צו אים נאָך מער.

און אָט אַזוי געגאַנגען זענען טעג און וואָכן.
ביי טאָג האָט ער זיך קיין מאָל נישט באַקלאָגט,
נאָר ביי דער נאַכט געזיפצט האָט ער פון שלאָף,
שווער און טיף געקרעכצט. די מאַמע האָט געזאָגט:
פאַר זיינע קרומע געננ עס האָט אים גאָט געשטראָפט;
געוועזן איז ער מיט לייטן גלייך,

אַ שטוב אין שטעטל

אַפילו רייך,
געהאַט אַ היים, אַ ווירטשאַפט און אַ הויז —
און איצטער וואָס? אַן אַלטער שאַרבן בלויז.

און אונדז דערפון די הערצער האָט פאַרקלעמט
און אויפגעגאַנגען איז אין אונדז רחמנות.
מיר האָבן פאַר זיין פּיין זיך טיף פאַרשעמט,
זיין ווי אין זיך דערשפּירט און ביז סכנות
געוואָלט אים כאָטש מיט עפּעס וואָס דערפרייען.
שטיל אין זיך האָט יעדערער געטראַכט
און פאַנטאַזירט
צו ווערן גרויס און רייך... דאַן וועלן מיר צו פריער
טאַטע־מאַמע געבן געלט אַ סך
און אויך אים חלילה נישט פאַרשעמען.
ווייל אונדז האָט דעמאָלט זיך געדאַכט,
און אַלץ וועט ווידער גוט זיין אויף דער וועלט,
ווען קומען וועט דאָס גרויסע גליק — דאָס געלט.

אַזוי פון טאָג צו טאָג צו אים זיך צוגעבונדן
מיר האָבן מער זיך ווי צו טאַטע־מאַמע.
מיט אונדז פאַרהיילט זיך האָבן זיינע ווונדן
און אָפּגעטאָן האָט זיך פון אים דער שוידער.
נאַכט ביי נאַכט מיר פלעגן זיצן ביי די פלאַמען
און ער מיט אונדז געמיטלעך האָט געפּלוידערט.
געקענט האָט ער לעבעדיק און שיין דערציילן
אַוודאי אפשר הונדערט מעשות אויסעווייניק,
אי פריילעכע, אי טרויעריקע, אַז ס׳פלעגט זיך הערן
זיינע מעשיות מיט אַ מאָדנע ווילדן תענוג.
געמאָלט האָט ער מיט אַלע פּיטשעווקעס אַ זאַך,
מיט פאַרבן און מיט סיגעס אויף דער האָר.

יצחק יאַנאַסאָוויטש

דאָס סאַמע אויסטערלישסטע וואָס ער האָט אויסגעטראַכט
האָט אויסגעזען צו זיין אין גאַנצן וואָר.

און מער פון אַלץ מיר קינדער פלעגן חלשן צו הערן
זיינע אויסטערלישע מעשׂות פון גזלנים.
ווען ער דערציילט — געקענט האָט יעדער שווערן,
אַז ער האָט אַליין געזען אין פינצטערניש דאָס פּנים
פון מאיר בונעמען, דעם יידישן באַנדיט,
וואָס האָט געהערשט אויף דעם בזשעזשינער שליאַך
מיט גזלנים אַנדערע אַ סך.

נישט מיד געוואָרן זענען מיר צו הערן זיינע רייד
וועגן מאיר בונעמס מעשׂים אין די ליסקעוויצער וועלדער.
אַ קלאַפּטעטשינע האָט זיין קאָפּ פאַרדרייט
און אים פאַרנאַרט צו זיך אין שטיבל
ווי להבדיל שימשונען דעם גיבור.
געוועז איז ער צו־גאַסט ביי איר אין כאַטע
און זי באַהאַלטן האָט זשאַנדאַרן אויף די פעלדער.
זיי האָבן אים געכאַפּט, פאַרשפּאַרט אַהינטער קראַטן —
פון דעמאָלט אָן מען זעט שוין נישט דעם העלד מער.

געהאַט האָט זי, די גויע, אויך אַ סוף —
די „שייקע" האָט גענומען אַ נקמה:
זיי האָבן זי פאַרברענט אין מיטן שלאָף,
איר זכר איז אין אַש אַוועקגעקומען.

געמאָלט האָט דער פעטער אונדז די צייט
פון מאיר־בונעמס הערשעווען אין געגנט.
ער האָט אַ מאָל אין אָסיענצייט
אַ גאַנצע נאַכט געגזלט אויף די וועגן,
באַרויבט האָט ער די סוחרים ביזן העמד,
דערנאָך די פערד פון וואָגן אויסגעשפּאַנט

און אויף צום סוף האָט ער זיי נאָך פֿאַרשעמט,
ווייל זיין כלי־זין, אַרויסגעוויזן האָט זיך,
איז געווען אַ פּראָסטער מייער אין דער האַנט.

און לאַנג האָט ער געוואָרפֿן דאָ אַ שרעק,
דאָך זעלטן ווען פֿאַרגאָסן מענטשלעך בלוט.
זיין באַנדע האָט אַ מאָל אויף אונדזער אַלטן וועג
אַ שניט־סוחרס אַ זון נישט־ווילנדיק דערשאָסן
(דאָס ייִנגל האָט דערשראָקן זיך, גענומען שרייען,
כאָטש אים זיי האָבן גאָר אין זינען נישט געהאַט).
האָט דאָס דעם ייִדישן באַנדיט מאיר־בונעמען פֿאַרדראָסן
און מיט די שיסער צוויי געלערנט האָט ער פּשט.
דעם זעלבן טאָג פֿון ייִנגלס קבורה
געקומען איז אין שטאָט אַריין אַ פֿורל.
דאָס פֿערד אַליין אָן שמייסער
פֿאַרפֿאָרן איז אין מיטן מאַרק.
געלעגן אויפֿן פֿורל זענען מתים:
די שיסער פֿון דער באַנדע,
מיט קוילן דורכגעלעכערט זייער קאָרק.

אַ שטוב אין שטעטל

נאָר מער ווי אַלץ האָט אונדזער פעטער
ליב געהאַט דערציילן
פון אונדזער שטוב, איר יחוס און איר שטאַם.
מען האָט געפילט: די ווונדן פון זיין האַרץ זיך היילן,
ווען ער דערציילט.
פאַדראַבנע און באַטעמט
פלעגט ער ביי אָט די מעשות ווערטער שיילן
ווי יאָדערס זיסע פון אַ האַרטער נוס.
ער פלעגט ווי פערל אויפגעציליעטע זיי ציילן
און ס׳האָט זיי אויג געגליט
מיט ווייטן גדלות־פלאַם.

אין פריִע אָסיענעכט,ביים פייער אין דער קיך
מיר פלעגן זיצן שטיל און ער פלעגט ריידן, ריידן.
די טונקלקייט אין שטוב האָט פלוצים אויפגעבלענדט
מיט לאַנגע ווייסע בערד. אַ זיידע נאָך אַ זיידע
פלעגט קומען דאָ צו גיין אין אַטלאַסענעם פראַכט,
מיט הדרת־פנים־שיין און זיכערקייט אין אַקסל.
מיט רענדלעך גילדענע, מיט תורה און מיט מאַכט
עס האָט די שטוב מיט זיי זיך ווונדערלעך צעוואַקסן.
אין אָט דער שפּעטער שעה, אין פעטערס קול פאַרהערט,
האָט זיין דערציילן אונדז מיט פרייד אַדורכגענומען.

יצחק יאַנאַסאָוויטש

מיר האָבן טיף דערפילט, ווי עפּעס אין אונדז יערט
און עפּעס וואָס איז אונדז דערפון אויך צוגעקומען.

אונדזער שטוב אין שטעטל —
דאָס האָבן מיר פון פעטער זיך דערוווּסט —
איז אַלט געווען שוין זיבן דורות.
זיבן דורות ייִדישע אויף פוילנס ערד
עס האָבן זיך אין אירע ווענט געכאָוועט
און יעדער דור האָט זי געבויט אויף ס'ניי
מיט דאַכלקעס און אייזנבלעך
און שווערן מעש געקאָוועט.
ביז זי איז אויסגעוואַקסן אונדזער שטוב,
מיט שטאָל און שייערן געבויטע.
איר צייט האָט מען אויף יאָרן נישט געדענקט,
נאָר לויט דער צאָל פון בעלי־בתים טויטע.

איר אָנהייב איז געווען דער אַרענדאַר,
דער עלטער־עלטער־זיידע ר' ישראל זימל.
דער יאַשניע פּאַן איז נאָך געווען זיין האַר,
נאָר טריי האָט ער געדינט צו גאָט
דעם איינציקן אין הימל.
אויך גאָט האָט אים געבענטשט דערפאַר —
ער איז דעם פּריץ וווילגעפעלן;
אויף זיינע אַלטע יאָר באַקומען האָט ער שכר —
געהילץ פון פּריצס וואַלד — אַן אייגן הויז צו שטעלן.

ס'איז יעזעוו דעמאָלט נאָך קיין שטעטל נישט געווען,
אין יענע ווייטע אַלט־שליאַכצעקע צייטן.
געוווינט עס האָבן ייִדישע משפּחות אפשר צען,
צעוואָרפענע אין דערפער אין די ווייטע.
זיי האָבן זיך נאָר' יום־טוב־צייט אַ מאָל

אַ שטוב אין שטעטל

ביי זימלען אין דער קרעטשמע דאָ געטראָפן,
משפחות ייִדישע — נישט פיל אין צאָל —
געקומען דאַוועגען און דאָ געבליבן שלאָפן.
דאָ האָבן זיי שידוכים דורכגעפירט
און שוואַרצן יאַגדע־ביר,
אַליין־געשטעלטן, ביי די מזל־טובס געטרונקען;
געטראָפן זיך אויף ס׳ניי, אויף חתונות, אויף בריתן
און זיך געקלאָגט, די הויט פון זיך געריסן,
וואָס מ׳איז אין גוייִשקייט אין פויערישער פאַרזונקען.

האָט גאָט דערהערט זייער קלאָג, האָט גאָט געזען זייער בענקען
און ס׳האָט דער פּריץ אַ יאַריד אין יעזעוו אויסגערופן.
געקומען זענען סוחרים, קרעמער און דערביי
בעל־מלאכות וואָס זייערע פאַכן רופן ייִדן מיט אַ „רייי".
דערצו דאַרף מען געדענקען:
דאָס איז געווען אַ צייט,
ווען אין די שטעט, אין געסלעך איינגעפּרעסט,
געזעסן זענען ייִדן אין די געטאָס,
און דאָ דער פּריץ ממש על פּי נס
געגעבן האָט רשות צו וווינען, ווו מען וויל.
געווען די שפע איז דאָ זייער גרויס:
איז ביסלעכווייז געוואַקסן הויז נאָך הויז
און ס׳איז אַ שטעטעלע אַ ייִדישס דאָ געוואָרן.

און טאַקע דעמאָלט אין יענע ווייטע יאָרן
דער עלטער־עלטער־זיידע זימל האָט אַ שול געבויט,
די ערשטע שול אויף מיילן ווייט אַרום.
געשטעלט האָט מען להבדיל אַ מרחץ אויפן הויף,
און ווי דער מנהג איז ביי ייִדן אומעטום,
האָט מען אַ פעלד — אַ הייליק אָרט — געקויפט,

יצחק יאַנאַסאָוויטש

אַרומגעצוימט עס מיט אַ הויכן פּאַרקן
און בית־החיים עס גערופן — זיך צו שטאַרקן.

אַזוי אַרום איז אונדזער שטוב געווען דער בכור
צווישן שטובן פיל אין גאַנצן שטעטל
און מען דערציילט, אַז איין מאָל אין אַ טרוקן יאָר
אַ שׂרפה אויסגעבראָכן איז ביים שמיד
און ס׳איז אַוועק אין פלאַם אַ יעדעס ברעטל
פון לוויוויטשער ביז דער בזשעזשינער גאַס —
נאָר אונדזער שטוב אין פלאַם האָט נישט געברענט.
געשטאַנען איז זי ווי אַן עמער אין אַ פאַס
און בלויז פאַרטשאַדעט האָבן זיך ביי איר די ווענט
און אַן עוקץ נאָר, טאָקע נישט קיין סך,
האָט אָפּגעברענט דעם זיידנס דאַך.

אַ שפּעטערדיקער זיידע, ר׳ ישׂראל־פישל,
האָט אָפּגעקויפט דאָס האָלץ פון מלכס וועלדער.
צו זיינע זין האָט שוין געהערט
דאָס קאָרן פון דעם פּריצס פעלדער.
געגאַנגען איז דער שטאַם אַרויף, אַרויף
און האָט מיט צוויגן שיינע זיך צעוואַקסן.
אַז פרנסה איז געווען אָט דאָ לרוב
און די פּריצים — גוים צו דערליידן,
האָט מען נישט געפילט אַזוי די גלותדיקע שטראָף,
געלעבט האָט מען מיט צרות אויך אין פריידן.

און אָט אַזוי איז יעדער דור
דורך אונדזער שטוב אין שטעטל דורכגעגאַנגען.
ווער שמועסט, אַז וואַרשע האָט איר שליאַך
צום נייעם לאָדזש געשיקט דורך דאַנען,
האָט זיכער אונדזער הויז
צוזאַמען מיטן שטעטל אויפגעפיבערט.

אַ שטוב אין שטעטל

די פּרנסה אַלעמענס איז גרויס
און פּעט געגאַנגען צו די שטיבער;
די קרעמער האָבן אַ פאַרמעג
געמאַכט פון סוחרים וואָס אין מיטן וועג
אין אונדזער שטעטל האָבן אָפּגעשטעלט זיך;
די גאַרבער האָבן זייערע פעל
אין דאָמב צו גאַרבן נישט באַוויזן,
פון פאַלצשטאָק האָט מען שוין דעם יוכט
פון אונטער זייערע הענט אַרויסגעריסן.

דאָס אַלץ האָט אונדז דער פעטער דאַן דערציילט —
ער זאָגט, אַז דאָס איז אויך אין פּינקס וואָר פאַרשריבן.
וואָס קומט אַרויס — אין אונדזער צייט
דערפון איז שוין קיין זכר נישט געבליבן.
געווען די שטוב איז נאָך אַ שטוב,
נאָר פון דער שפע — נישט קיין צייכן:
דאָס מזל האָט פון אונדזער הויז
זייט דורות שוין גענומען וויכן.

געשען איז עס ביים זיידן מיינעם,
ביים רייכן זיידן פישל יונהס.
מען האָט געשמועסט: זיין גאָלד די ווערט
פיל מער נאָך ווי דעם קיסרס קרוין איז.
ער האָט געפירט אַ פיינעם שטאַט
און צדקה איז געווען זיין תאווה,
נאָר איין פגם האָט ער געהאַט:
שוין נישט קיין יידישלעכע גאווה.

מען האָט נאָך אים אַ מאָל געשיקט
צום פריץ וועגן משא־ומתן;
עס איז געווען אַזאַ מין גליק

יצחק יאַנאַסאָוויטש

וואָס וואָלט פאַר אונדז נאָך היינט נישט שאַטן,
נאָר ווייל דער פּריצישער געשפּאַן
איז נישט געווען כּהלכה,
האָט ער באַפוילן צוריק דעם פאַן:
ער איז אים מוחל די רווחים.

ויהי היום — ס׳איז אונדזער שטאָט
געווען אין גאַר אַ גרויסן טרויער.
אַרומגעגאַנגען איז אַ סוד
מיט שטילן קרעכץ צו יעדנס אויער.
מען האָט דערפון נאָך נישט גערעדט,
דאָך אָנגעטייט דערויף רמזים:
— ווער וויס, ווער וויס, פאַר וועלכן חטא
עס וויל דער רבי אונדז פאַרלאָזן?

ביי אונדז אין שטאָט אין יענער צייט
איז גראַד ר׳ יאַנקעלע געזעסן.
נישט נאָר פון אונדזער גאַנצן קאַנט,
נאָר אויך פון אַלע עקן לאַנד
געפאָרן זענען חסידים גאַנצענע מעת־לעתן,
ווער מיט פּאַטשטש און ווער מיט אַקס,
כּדי ביי אים דעם צדיק זיך צו פּראַווען.
זיין ווערטל איז געווען: אהבה צו דעם בורא
איז דער אַלף און דער בית פון אונדזער תורה.
און נאָך האָט ער געזאָגט: אַ ייִד דאַרף זיין ווי וואַקס —
אָפּגעקילט און האַרט אין עולם־הזהדיקן האַווען,
דאָך ווייך און ביגעוודיק אין פלאַם פון דער אהבה
צו קודשא בריך הוא און זיין תורה.

אַז אָנגעהויבן האָט די שטאָט דערפון צו ריידן,
געקומען די באַלעבאַטים זענען צו מיין זיידן:

אַ שטוב אין שטעטל

געוווּסט: גענוג איז זיינס אַ וואָרט,
ווען ער ביים רבין זאָל זיך מיִען,
ר׳ יאַנקעלע וועט אפשר אויפן אָרט
בטל מאַכן די נסיעה.

דעם זיידן מיינעם אָבער האָט געקרענקט
די מעשה, וואָס ר׳ יאַנקעלע פאַרלאָזט אים.
האָט ער אים דען אַהער צו נישט געברענגט
און זיך געלאָזט אַ הון־רב קאָסטן?
עס האָט דאָס גאוות אין זיין האַרץ געטאָן אַ ברען
און האָט דעם שכל אים געטאָן פאַרטונקלען.
ער האָט צו די באַלעבאַטים דאַן געזאָגט:
— נו, מילא, אויב ער וויל —
איך וועל מיט כבוד אים באַגלייטן.
געלעבט האָט אונדזער שטעטל אויך אָן אים
אַ קימה־לן נאָך פון סאָבאָצקעס צייטן.

שבועות־צייט דער „יעזעווער" פון יעזעוו איז אַוועק,
אויף נע־ונד און גלות זיך געלאָזט.
דער פעטער זאָגט, אַז דעמאָלט האָט געוויינט
אַפילו אינעם פעלד דאָס גרינע גראָז.
אויך גויִים האָבן מיט אַ טרער
אַרויסבאַגלייט פון שטאָט דעם „צאַדיק",
דער אַלטער וועלוול אשרלס
געלייגט האָט זיך פאַפעריק אין וועג
און ס׳האָבן אים די פערד
שיער נישט צעטראָטן.
מען האָט געזען, דאָס שטעטל ווערט
איינגעהילט אין שווערן שאָטן.

יצחק יאַנאַסאָוויטש

צי האָט ר׳ יאַנקעלע געוווסט
פון פישל יונהס גאותדיקן זאָג —
דאָס ווייסט נישט קיינער.
דעם לעצטן שבת נאָר ביים טיש האָט ער געזאָגט
און מ׳האָט געפילט אין קול אַ שטילע טענה:
— ווער איז קלוג? נישט דער וואָס ווייסט, וויפל ער פאַרמאָגט,
ווייל זיין וויסן איז צו גאָרנישט.
קלוג איז דער וואָס לעבט נאָר מיטן טאָג
און זיין בטחון מינערט אויף אַ האָר נישט.

אין אָט די רייד האָט מען שוין דעמאָלטן געזען
אַ רמז אויף מיין רייכן זיידן פישל,
און טאַקע באַלד זיין אומגליק איז געשען
און זיין עשירות האָט געפּלאַצט,
זיך ווי אַ טאָפּ צעשערבלט און צעקרישלט.
געהאַנגען איז אויף אים אַ גזר
שוין לאַנג, זעט אויס.
אין זכות נאָר פונעם רבין
דעם משחית קיין רשות מ׳האָט נישט געגעבן.
ווי באַלד דער רבי אָבער איז אַוועקגעפאָרן,
דער וועג איז פריי געוואָרן פאַר די צרות:
דורך אַלע שליאַכן און דורך אַלע וועגן
דאָס אומגליק איז געגאַנגען אים אַנטקעגן.

ביי וועמען ס׳מזל איז אין שטוב נאָך נישט געוועזן,
דער קען עס נאָך אַ מאָל דערגרייכן.
נאָר אויב געוועזן און דיך פאַרלאָזט,
עס וועט פון דיר שוין אייביק וויכן —
די פינצטערניש אין יענער שטוב
וועט קיין מאָל שוין נישט ווערן העלער.

אַ שטוב אין שטעטל

אויב אייזן פרעסט אַדורך דער ראָסט,
האָט אונדזער שטוב אַדורכגעפּרעסן
דאָס גאווה.

אַ משפּחה־פעלער
ווי עפּעס גאָר אַ בייזער גייסט
האָט אונדזער הויז זייט דאַן באַזעסן.
די גאווה האָט דאָס הויז צעטרעסלט
און נישט דערלאָזט צו אונדז קיין טרייסט.

דער פעטער ווייסט,
אַז אונדזער זיידנס גאווהדיקער זאָג
געבראַכט אויף אונדזער שטוב האָט קלאָג,
ווייל החיים והמות איז ביד הלשון:
עס האָט דער פלאַם
פון אונדזער שטאַם
פאַרטונקלט זיך —
דאָך גלייבט דער פעטער,
אַז נאָך נישט פאַרלאָשן.

ווידוי

יענער זומער, ווען אונדזער פעטער האָט אַריינגעפירט
צו אונדז אין שטוב די מעשהדיקע וועלט,
געווען איז צווישן יאָרן פיל דער שענסטער.
כאָטש ברויט האָט דעמאָלט אויך אין שטוב געפעלט
און ס׳האָט די נויט אַריינגעגרויט
מיט שוואַלבנגרוי באַגינען שוין אין פענצטער,
דאָך האָט דער הונגער אונדז פיל ווייניקער געקוועלט
און ס׳האָט די אָרעמקייט אונדז נישט דערשלאָגן —
און וואָס עס האָט די וואָר אונדז דאַן פאַרפעלט,
האָט אונדזער פעטער שוין מיט מעשהלעך דערטראָגן.

נאָר אומגעריכט עס איז דער קאַלטער הארבסט
אַריין צו אונדז מיט טריבע רעגנס.
אַוועק דער פעטער איז קיין לאָדזש
און האָט מיט אונדז אויף אייביק זיך געזעגנט.
פאַר וואָס? פאַר ווען? אומזיסט די מי
זיך צו דערוויסן און דערפרעגן.
גיי פרעג דעם ווינט אין גאַס וואָס בלאָזט,
אַז טאַטע־מאַמע שוויגן שטומע.
ווי פלוצעם האָט ער אונדז פאַרלאָזט!
און אויך פאַרלאָזט האָט אונדז דער זומער.

ערשט שפּעטער העט, אין יאָרן צוויי אַרום,
צו אונדז אין שטוב געקומען זענען קלאַנגען:

Marek Halter

יצחק יאַנאַסאָוויטש

מען האָט געזען אים... פון אַ פאַבריק אין לאָדזש
איז ער „אין דייטש געקליידט” בקלות־ראש געגאַנגען.
ס'זאָל וואָר זיין אַלץ וואָס ס'האָבן לייט דערציילט,
קומט אויס, כאָטש נעם פון חרפה טו אַנטלויפן.
גערעדט ביי אונדז עס האָבן קינד און קייט,
אַז הענעך אונדזער פעטער איז אַ כופר.

אַ כופר! ס'אַר אַ שרעקלעך וואָרט!
ס'האָט אין דער היים ביי אונדז געקלונגען,
ווי גלייך ער וואָלט אין טמא אָרט
מיט טריפה אָרגל זיך צעזונגען.
צי טאָקע דאָס — באַהיט אונדז גאָט! —
עס איז פון אים אין לאָדזש געוואָרן?
סיי ווי זיין אָנדענק ביי אונדז האָט
פאַרשטאָכן זיך אין לייב — אַ דאָרן.

די ערד פאַרציט איר וווּנד מיט גרינס
און ס'בליט די שפּראָצונג אויך אויף גריבער,
אין מענטשנס האַרץ נאָר בליט די וווּנד
און דעקט זיך אָפּ ביי יעדן פיבער.
ווייל וויפל נאָר מ'האָט נישט געפּרוווט
דעם פעטער הענעך צו פאַרגעסן —
אין יעדן אומגליק ווי אַ רוף
זיין נאָמען פלעגט זיך לאָזן הערן
און אין די טרויעריקסטע מעת־לעתן
זיין אָנדענק האָט געקאָסט אונדז טרערן.

ערשט שפּעטער האָט מען אונדז דערציילט,
וואָס ס'איז מיט אים אין שטאָט געוואָרן.
פאַרפּלאָנטערט האָט ער זיך אין נעץ פון מיסיאָנערן

אַ שטוב אין שטעטל

וואָס האָבן אין דער גרויסער שטאָט געלויערט.
געקענט האָט ער ביי זיי אַ גדול ווערן,
ווען דאָס וואָלט לענגער נאָר געדויערט.
געשיקט אים אין דער וועלט אַריין מיט באָרד און פאות
זיי האָבן מיט פּאַראַד, אויף צו באַווייזן,
ווי וויט דאָס קריסטוס־ליכט אויף ס'ביי איז
אַראָפּ צו די וואָס זינדיקן און גרייזן.
נאָר פון זיין מויל אַרויסגערעדט האָט גאוות
און ביטערניש וואָס ברענגט צו אַלעם בייזן.

אין פראַנקרייך האָבן שררהס אים געהערט
און אַלע צייטונגען פון אים געשריבן,
אין בעלגיע האָט ער גרויסע לייט
ווי בינען אַרום זיך געקליבן.
מיט רעש איז ער אַדורך
די גאַנצע נייע ערד
און אויף צוריקוועגס פאַר דער קיניגין
אין ענגלאַנד אויך געשטאַנען.
געוואָרן פעט זיין נאָמען איז מיט רום,
ביז וואַנען...

אין אַ שטילער נאַכט, אין האָלענדיש אַמסטערדאַם
איז ער אַליין אַוועק צום באָרטן,
געבליבן שטיין אַ פינצטערער ביים ברעג פון ים
און מער שוין נישט אַוועק פון דאָרטן.

זיין נאָמען האָט אַ רויש געטאָן
און איז אויף אייביק שוין פאַרשוווּנדן.
עס האָט זיין טויט נאָר אויפגעלעבט
ביי אונדז אין האַרץ די אַלטע ווונדן.
מען האָט געברענגט אונדז אַ פּאַקעט
מיט רויטן טריוואַקסענעם זיגל

דאָס האָט זיין גוססער על־חטא
אָהער געגרייכט דאָ צו זיין וויגל.

— פאַרפּלאָנטערט כ׳האָב זיך אין אַ נעץ,
האָט ער אין דעם פּאַפּיר געשריבן —
נאָר אויך מיין זינדיק שוואַרצער לעצט
בין איך דער זעלביקער געבליבן.
ווען איך וואָלט לעבן נאָך געקענט,
אַזוי ווי איך טו איצטער שטאַרבן,
איך וואָלט מיט מיינע מידע הענט
געשטעלט זיך ביי דעם קעסל — פאַרבן.
פאַר אַלץ וואָס איך האָב שלעכט געטאָן,
כ׳בין אָפּצוקומען גרייט מיין עונש.
נאָר ווען איך גיב זיך אַ דערמאָן,
אַז איך וועל מער ביים קעסל שוין נישט
קיין מאָל שטיין און מישן פאַרב,
טוט אפשר באַנג מיר, וואָס איך שטאַרב.

כ׳גיב אָפּ צו גאָט איצט זיין פּקדון
די אומרו׳יק־פאַרצערטע זעל,
איך וועל מיט אים זיך ווייטער לאָדן
און יושר זוכן ווייטער כ׳וועל.
ס׳איז וואָר, אַז כ׳בין געווען פאַרדאַרבן
און פון להכעיסן פאַרבלענדט,
דאָך — פון מיין אייגן בלוט דער קרבן,
בין איך דאָס ווערק פון זיינע הענט.
האָסט מיט עקשנות מיך געזאָטלט, גאָט,
און מיט מרידה אָנגעשפּאַרנט —
האָב איך געקענט דען ווערן בטל, גאָט,
פאַר דעם וואָס זיי, די מענטשן, צאַרנט?
האָסט אויפגעבלאָזן אין אַ פלאַם

אַ שטוב אין שטעטל

אין מיר דעם ווילן צו גערעכטשאַפט —
בין איך דען שולדיק, וואָס מיט שנאה־סם
געווערט כ׳האָב זיך פון מענטשן־קנעכטשאַפט ?

איך האָב געלעבט און האָב געטאָן
לויט דעם, ווי דו האָסט מיך געפורעמט,
און אויב איך בין געפאַלן טיף
אַראָפּ פון דיין נסיונות־טורעם,
איז עס דערפאַר,
וואָס דו, מיין האַר,
האָסט מיר קיין פליגלען נישט געגעבן.
זאָל פסקנען דיין הויך געריכט,
צי קען מען פון אַ וואָרעם ווערן,
אַז ער זאָל ווי אַן אָדלער שוועבן ?
צי קען מען משפטן די שלאַנג,
וואָס נישט ווי אַ הירש איז זי געלאָפן ?
ווען קאַליע ווערט די פאַרב אין טאָפּ,
ווילסטו ס׳געוואָנט דערפאַר באַשטראָפן ?

און נאָך און נאָך געשריבן האָט ער איבעם בריוו
וואָס איז צו אונדז מיט זיגלען אָנגעקומען.
דער ווערטער־פּשט איז פיינלעך־טיף
אין טרערנוויי ביי אונדז פאַרשווומען.
וואָס איז דען וויכטיק זיין גערייד ?
סיי ווי האָט ער נישט גוט געענדיקט
און ס׳לעצטע ביסל קינדערפרייד
אַוועק מיט אים איז שוין אויף שטענדיק —
אַוועק אין יענעם טריבן טאָג,
ווען אָפּגעוויאַנעט האָט דאָס גראָז,
אין קאַלטן ווינט פון האַרבסט פאַראומערט.

ווי פלוצעם האָט ער אונדז פאַרלאָזט !
און אויך פאַרלאָזט האָט אונדז דער זומער.

ח צ ו ת ן

ס׳איז גראָ געוואָרן אַלץ אַרום
און ס׳האָט געשטעלט זיך אָסיען פרי.
עס האָט פאַרשמעקט פון אומעטום
מיט גרויע זאָרגן נאָך „אָף ברי״.
די גרויסע וועלט האָט זיך פאַרמאַכט
און ס׳האַלט די גויט אונדז אין איר קרייז.
אַ קליינער טאַטע זיצט און טראַכט
און שנעל דער מאַמעס קאָפּ ווערט ווייס.

צום ערשט עס האָט דער טאַטע זי געטרייסט:
— צום האַרבסט וועט שטעלן זיך אויף ס׳ניי דאָס מסחר
און ס׳וועט אונדז גאָט מסתמא נישט פאַרלאָזן.
די מאַמע האָט מתנגדיש־קאַלט ווי אייז
פון אים זיך טרייסטן נישט געלאָזן:
— ס׳קאָן זיין, דאָס מסחר וועט אויף ס׳ניי
אַוועק אין אָסיענצייט ווי שטענדיק,
נאָר דו, מיין מאַן, פאַרגעסט דערביי,
דיין מסחר איז שוין לאַנג פאַרענדיקט.
פאַרקויפט איז שוין דאָס לעצטע פעל
און ס׳איז דאָס געלט שוין לאַנג אין גאַס —

יצחק יאַנאַסאָוויטש

כאָטש נעם און שינד פון לייב די הויט
און שנייד דערפון אַ לעדערפּאַס.

געווען איז זי, זעט אויס, גערעכט,
איר חשבון איז געווען אַ שטרענגער.
די וויטערדיקע טעג און נעכט
האָט זי געזען, ווי כמאַרעס הענגען
און קיין שום שטראַל האָט נישט פאַר אונדז
אין פינצטערניש זיך דורכגעבראָכן.
פאַרלאָשן האָט שוין אונדזער נויט
אַ יעדעס פלעמל פון בטחון.

ביז איין מאָל האָט דער טאַטע שטיל
געפּרווט מיט איר נאָך איבעררײדן:
— זעט אויס, אַז גאָט אַליין מיך וויל
איצט מיט דער גאַרבעריי צעשיידן.
געזירשנט כ'האָב דאָס גאַרבערפאַך
און תמיד זיך דערביי געהאַלטן.
נאָר אפשר איצט... אַן אַנדער זאַך
כ'וועל טאָן דאָס לעבן צו דערהאַלטן.
עס בויט זיך איצט אַ נייע מיל,
איז וועל איך אויפהערן צו גאַרבן.
מען קען פאַרדינען דאָרט נישט פיל,
נאָר דאָך פון הונגער שוין נישט שטאַרבן.

אַזוי האָט ער צו איר גערעדט
און זי האָט זיך מיט שוויס באַגאָסן:
— וואָס הייסט, אַ שכיר־יום ער וועט
ווערן איצט? און זיין פּרנסה
וועט זיין פון שלעפּן זעק מיט מעל?
אַ טרעגער גאָר... דערצו ביי וועמען!
ביים בעקערס זין וואָס אָן אַ נאָמען

אַ שטוב אין שטעטל

עס האָט די שטאָט זיי נישט געטרויט
דאָס חלה־נעמען פונעם ברויט!

דערויף דער טאַטע האָט קיין וואָרט
איר נישט געזאָגט דער מאַמען מיינער.
נאָר אָנשטאָט אים דער הונגער האָט
אין אונדזער שטוב גענומען טענהן.
גערעדט עס האָבן פייכטע ווענט
און ס׳האָט די נויט שוין אָפּגעפּסקנט:
פון טאָג צו טאָג מען האָט דערקענט,
אַז זי, מיין מאַמע, איז שוין מסכים.

פאַרזיסט האָט מען די האַרבע פּיל
אַצינד מיט האָפענונגען גייע:
— און אַז מ׳אַרבעט שוין אין מיל,
איז וואָס דערפון?
ס׳איז דען אַ ראיה,
אַז דאָס אויף עולמות אַרויס איז?
ס׳איז טאַקע אמת, דער פאַרדינסט
פון שלעפּן זעק שוין גאָרנישט גרויס איז.
און דאָך, אַז גאָט זאָל העלפן נאָר,
מען קאָן אַ בידנעם גראָשן שפּאָרן,
ביז פורים־צייט כאָטש פינף פעל
ביי די קצבים זיך אויסצאָלן
און דאַן — ווי נאָר דער מאַרק זיך שטעלט —
צוריק צו זיך אין גאַרבעריי.
דער עיקר נאָר: דאָס ערשטע געלט —
און ס׳מסחר גייט אַוועק אויף ס׳ניי.

נאָר ס׳מסחר איז שוין נישט אַוועק
צוריק ביי אונדז. ס׳איז שוין פאַרפאַלן.

גנעשלעפּט דער טאַטע האָט איצט זעק
און איז ביי זיך נאָך מער געפאַלן.
געווען איז ער איצט שטויביק־ווייס
און האָט געשמעקט מיט בעל־עגלה,
דאָך שטום האָט ער אויך איצט געשפּרייזט
און האָט די לאַסט אויף זיך געטראָגן.
פאַר וועלכע זינד — ווער ווייסט, ווער ווייסט —
האָט ער זיך נאָך על־חטא געשלאָגן ?
אויף הויכע שווינדלדיקע טרעפּ
ער האָט מיט זעק זיך איצט געוואַקלט,
די זעק האָט ער אַרויפגעשלעפּט,
נאָר ער אַליין — אַראָפּ אין גאַנג
דערקראָכן איז שוין צום סך־הכל.

און אָט אַזוי האָט ער געזעגנט
דער שטילער ייִד,
מיין טאַטע.
נאָר ערגעץ טיף אין אים עס האָט אַ פונק געגליט
און ס׳האָט גענאָגט ביי אים אין האַרץ אַ וואָרעם.
און וואָס ווייניקער אין שטוב די זעט
און וואָס האַרטער ס׳איז געווען די וואָר אים,
אַלץ הייסער איז געוואָרן זיין געבעט
און ס׳האָט זיין פּנים אויפגעלויכטן פון יסורים.
ער האָט די אויגן טיפער נאָך אַראָפּגעלאָזט צו דר׳ערד
און נאָך עניוותדיקער, שעמעוודיק געשוויגן,
און איז אַרומגעגאַנגען, אין זיך אַליין פאַרהערט,
ווי ס׳וואָלט זיין אינגעווייד אַ קוים דערהערטן ניגון
אויסגעזונגען דין אַזוי און שטיל אים
מיט ווערטער טרייסטנדיקע פונעם תהילים.

דער תהילים ביי זיין איצטיקן געמיט
געוואָרן איז זיין שטענדיקער באַגלייטער.

אַ שטוב אין שטעטל

געזאָגט אים פּסוקימווייז האָט איצט דער ייִד
ביים שלעפּן זעק אויף שיפּער לייטער,
און ווו אַ רגע נאָר אַ פרייע איז
געוועזן פון שלעפּן און פון טראָגן,
האָט ער אַוועקגעזעצט זיך אין אַ ווינקל שטיל
און זיך פאַרטיפט אין תהילים־זאָגן.

קיין גרויסער למדן נישט געוועזן מסתם,
דאָך לערנען פלעגט ער פריִער ביחידות.
קיין תוספות נישט, קיין ר״ן און קיין רשב״ם,
דאָך אין משניות קלאָר געוועזן דער ייִד איז.
אַ בלאַט גמרא — כאָטש קיין מאָל אויף אַ קול —
ער פלעגט גאַנץ אָפט פאַר זיך אַליין נאָך לערנען.
קאָן זיין, ווען נישט דער שווערער עול,
ווען נישט די גאַרבעריי,
די אָקסנפעל,
די הערנער —
זיין לערנען וואָלט געהאַט אַ האַפט
און וואָלט אים כבוד אויך פאַרשאַפט.

נאָר איצט האָט ער דאָס לערנען אין אַ זייט
אַוועקגעלייגט, ווי ס׳וואָלט געווען אַן עזות,
אין אָט דעם מעמד זיינעם מיט לומדות זיך צו ווייזן.
אַ טרעגער... אַ שכיר־יום... געטראַכט עס וואָלטן לייט:
זיין פראָסטקייט איז דאָס לערנען נאָר מבזה.
ס׳האָט פאַר זיין שטאַנד אַצינד פיל מער געפּאַסט
די מוסר־ספרים פראָסטע, אָן די פשטלעך.
עס האָבן טאַקע איצט פיל מער גערעדט
צו אים פון עיברי־טייטש די ווונדערלעכע בלעטלעך.
דערזען האָט ער אין זיי אַ נייע וועלט
און אַ באַשייד אויף זיינע שטומע שאלות,

און אויב עס האָט אים עפּעס דאָך געקוועלט,
האָט ער געזוכט איצט טרייסט אין „שיר המעלות".

ער האָט ווי פריִער זעלטן ווען גערעדט,
זיין דימיון־וועלט פאַר קיינעם נישט צעעפנט.
נאָר אָפּט אַצינד עס פלעגט מיט אים זיך טרעפן,
זיצנדיק אויף שטרוי פון האַרטן בעט
מיט מידע שלעפעריקע אויגן ביי „המפּיל" —
עס האָט זיין גוף פון אומרו אויפגעצאַפּלט
און ס'איז אַ רעיון דורך אים מיט אַ שוידער.
ער האָט געזען די שויבערדיקע קעפּ
פון שלאָפנדיקע קינדער אויפן קנוידער
פון אַן אויסגעקנייטשטן קישן
און עפּעס שטיל האָט ער צו זיך געברומט
און עפּעס שטיל האָט ער צו זיך גערעדט,
צו זיך אַליין, צו זיך אַליין נאָר:
היתכן, וויי געוואַלד!
ווי קאָן דאָס זיין גאָר,
אַז אַ וועלט זאָל רויִק שלאָפן
איינגעקנוידערט קאָפּ אין קישן?
עמעץ מוז דאָך ערגעץ זיין,
ולא ינום ולא יישן,
וועלכער וואַכט און הערט זיך איין,
וועלכער היט מיט אויגן אָפן,
היט די וועלט, ווען אַלע שלאָפן.

אין דער פינצטערער אשמורה אויף אַ פאָדעם הענגט די וועלט,
פאַר כביכול האָט דער משחית זיך שוין וואַרטנדיק געשטעלט.
ווערט דער לעצטער ייִד פאַרשלאָפן אויף אַ רגע נאָר און בלויז,
רייסט ער אָפּ דעם פאָדעם דינעם און די וועלט ווערט ווידער אויס,
און די וועלט ווערט ווי פאַר בראשית — שוואַרצע וואַסערן אין ווינט.
נאָר די שטים פון גאָט וועט קלאָגן: אוי לי אוי לי, וויי און ווינד!

אַ שטוב אין שטעטל

ווי דער וועלט וואָס האָט מיין נאָמען נאָר אַ רגע נישט געקענט!
ווי צו מיר איז, דעם פאַרדאַרבער צום באַשאַף פון מיינע הענט!
ווי צו דעם וואָס איז פאַרשלאָפן — קלאָגן וועט די שכינה־שטים —
און די וועלט אין נאַכט געלאָזן אָן דעם צלם־אלוקים!

ער האָט דערביי די הענט אין חושך אויסגעשפּרייט,
ווי ער וואָלט זיי צו עמעצן דאָרט ווענדן.
די לעצטע צייט האָט ער ביי נאַכט
אין פינצטערניש זיך לאַנג אַרומגעדרייט
און גאַרטלען מיט אַ זאַק געגומען זיינע לענדן.
נאָך שפּעטער אויך זיין קאָפּ מיט אַש האָט ער באַשיט
און אין דער שטוב אַרומגעשפּרייזט מיט אבלדיקע שריט
אין הוילע זאָקן.
עס האָבן אין דער נאַכט דערהערט זיך זיינע רייד
פאַרכטיק און דערשראָקן.
מיט קאַלטן שווייס באַגאָסן,
עס האָט געקלאָגט זיין וויינענדיקער גוף,
געיאָמערט אין די שפּעטע חצותן.
אין זיינע רייד מיט וואַרעמע און טרויעריקע קלאַנגען,
עס איז אין פאַרמעט־געלן שיין פון מולד אויפגעגאַנגען,
דער ציטערדיקער אומעט פון אַ וויטן שליאַך,
ווו ביי אַ שטיין אין מיטן וועג
עס האָט געוויינט די מאַמע רחל פון תנך.
מיט בלייכע אויסגעשטרעקטע הענט
איז זי געשטאַנען אויף די שיידוועגן אין וויסן,
און אין דער מיט פון נבוזרדנס מעכטיקע הילות
זי האָט געוויינט און אין יללות
פאַרגאַנגען זענען זיך די קינדער ביי די מאַמעס אויף די הענט
און ס׳האָבן מיטגעכליפּעט אַלטע זקנים־בערד:
יידן מיט די קעפּ אַראָפּגעלאָזט צו דר׳ערד
געגאַנגען זענען אין דער נאַכט אַריין אויף גלות.

יורדישער אומעט

ביי די בעלי־בתים פון דער מיל,
די זין פון נאַסקע בעקער,
מיין טאַטע האָט אַ פּנים נישט פאַרזוכט
דעם טעם פון האָניק־לעקעך.
געווען איז לוי־נחום הויך און גראָב
און מיט אַ קליינעם פּנים אַ מגושמס.
אַ יונג וואָס האָט זיך ווי אַ גאַנדז געשטאָפּט,
דערצו אַ האַלבער נאַר, אַ חושים.
דערפאַר איז בערישל, דער צווייטער בעל־הבית,
געווען אַ יידל פלינק און זשוואַווע.
ס'האָט גאָט געבענטשט אים מיט אַ נאָז
און אייגעלעך וואָס פּרעסן איין זיך ווי אַ זשאַווער.
ער האָט אַ פלינקן קאָפּ געהאַט
און געלט אַליין געווען איז אים שוין ווייניק.
מען האָט געפילט: מיט געלט שוין זאַט,
ער וויל אַצינד אַן אַנדער ביסל תענוג:
עס וואָלט דאָס „דאַזאַריי" אים נישט געשאַדט
און רעכט האָט ער דערויף געהאַט שוין לויט זיין מיינונג.

ס'האָט לוי־נחום פון קיין חכמות נישט געוווּסט:
פאַר אים מיין טאַטע איז געווען ווי יעדער טרעגער.
ביי אים האָט יעדער אַרבעטן געמוזט,


Marek Halter

נישט אָפּצורוען זיך אַ רגע.
געשריגן האָט ער, שילטנדיק דערביי:
— הייב די לעפל דו, שלימזלדיקער פּגע!

פאַר דאָס האָט בערישל אַן אַנדער גאַנג
געהאַט צו די עבדים זיינע.
ווייך און גליטשיק ווי אַ שלאַנג
איז ער געקראָכן אין די ביינער.
געשריגן האָט ער קיין מאָל נישט,
נאָר שטיל געפירט זיך די חשבונות;
מיט רייד האָט ער דעם קאָפּ פאַרמישט
און איינגעשרומפּן שוין דער לוין איז.

מיין טאַטן האָט ער דווקא גוט
באַהאַנדלט ווי אַ בעל־רחמנות:
— נו, רוט זיך אָפּ כאָטש אַ מינוט,
ס'איז אייך צו שווער דאָך, בנאמנות.
אַ ייִד ווי איר מיט אייער כוח
איז ווערט ביי גאָט אַ בעסער מעמד.
זעט אויס, אַ ביטל שכל אויך
מ'דאַרף צו ווערן אַ מלמד.

דער טאַטע האָט דעם דריבנע שטאָך
שווייגנדיק פאַר ליב גענומען,
נאָר גוט געוווּסט האָט ער: דער תוך
וועט גיפטיק־זיס ערשט שפּעטער קומען.
ס'האָט בערישל זיך נישט געאיילט.
פון אַרבל אָפּגעפּוצט אַ פלעק,
די זעק מיט מעל האָט ער געציילט
און מיט דער שאַרפער נאָז געשמעקט
און פלוצעם צו דעם טאַטן שנעל

אַ שטוב אין שטעטל

געטאָן אַ שמייכעלע אַ קרומען:
— עס איז דער ריח פון אייערע פעל,
זעט אויס, מיט אייך אַהער געקומען.
איך האָב געטראַכט דערפון שוין פיל,
אַ מאָדנע זאַך דערין מוז שטעקן:
ביי נתן בעקערס זיין אין מיל
מיט גאַרבעריי עס זאָל גאָר שמעקן?

אַ קורצע צייט דערנאָך
אויס טרעגער שוין מיין טאַטע איז געוואָרן.
געוועזן איין זאַק איז שלעכט, זעט אויס, פאַרנייט
און ס'האָט פון אים געשיט זיך קאָרן.
דערזען האָט דאָס דער בעל־הבית,
דער גראָבער יונג, דער לוי־נחום,
האָט ער צום טאַטן זיך געלאָזט,
אַז מ'האָט געמיינט, עס איז שוין נאָך אים.
פון אַלע טרעפּ האָט ער אים שיר
אין ווילדן כעס אַראָפּגעשליידערט.
דעם טאַטן מ'האָט אַוועקגעפירט,
און ער געשריגן האָט כסדר,
גערעוועט ווי אַן אָקס ער האָט:
— נעמט אים צו פון מיינע אויגן,
איך זאָל שוין ווערן זיינע פטור:
כ'וועל ממיתן... איך שווער ביי גאָט,
און וועל נישט האָבן קיין חרטה.

און אָט אַזוי געווען עס איז דער סוף
פון טאַטנס שלעפּן שווערע זעק אין מיל.
אַ וואָכן צוויי איז ער געווען אין שטוב
און מיטן תהילים די יסורים אָפּגעקילט.
דערנאָך איז ער אַוועק צוריק צו גאַרבעריי,

יצחק יאַנאַסאָוויטש

נאָר נישט פאַר זיך — ביי מאָטל גאַרבער
האָט ער די פרעמדע פעל זיך גאַרבן איצט געשטעלט.
מיין מאַמע האָט געזאָגט דערביי:
— זעט אויס, אַז אויך ביי צייטנס שטאַרבן
נישט איטלעכן באַשערט איז אויף דער וועלט.

נאָר ער,
דער טאַטע מיינער,
ווי נישט אים עס וואָלט דאָס אַלץ געמיינט:
ווי פון אַ ליכט פאַרבלענדט
וואָס נאָר פאַר אים אַליין עס שיינט,
געשפרייזט האָט ער מיט טריט נישט היגע אויף דער ערד,
און זיינע אויערן, מאָדנע אָנגעשפיצט,
ווי אין אַ ניגון אין אַ ווייטן איינגעהערט.

קיין נחת פון זיין אַרבעט נישט געהאַט
עס האָט דער נייער באַלעבאָס, ר׳ מאָטל:
עס האָט מיין טאַטע צום שלימזל, אַקוראַט
אַוו מען דאַרף נישט, דאָמב אַריינגעשאָטן.
אין קאַלך האָט ער די פעל פאַרברענט
און ס׳האָט דער פאַלץ אין זיינע ציטערדיקע הענט
שראַמען בלוטיקע אויף לעדערלייב געשניטן,
ווייל ער, מיין טאַטע, האָט פאַרטראַכט זיך
אין דער מיטן
פאַלצן.
עס איז די פעל געוואָרן שטייף,
געדרוישט מיט בלעך ביי יעדערן באַריר
פון צו פיל זאַלצן,
אָדער ווייך און פאַליק ווי פאַפיר
פון צו פיל שוועבלשטאָף,
פון צו פיל „זויער״.

אַ שטוב אין שטעטל

ער האָט שוין אויפגעהערט צו זען,
אַריינגעטאָן אין קלער,
אין טראַכטן
און אין טרויער.

אַ חלום איז געווען שוין איצט אין שטוב
דער הערינג פון אַ מאָל אָנשטאָט די פיש
מיט פראָסטן ברויט אויף שבתדיקן טיש.
עס האָט די מאַמע שוין קיין טענות נישט געהאַט,
און בלויז אין כליפּן
באַוועגט זיך האָבן אירע ליפּן.
מיין טאַטע האָט זיך שטיל אַרומגעדרייט,
צו זיך גערעדט מיט עפּעס מאָדנע רייד,
און יעדעס וואָרט
אין זיינע טרערן שטילערהייט
מיט בענקשאַפטן געוועזן אָנגעגליט איז.
זיין טרויער איצט
און אויך, מ'שטיינס געזאָגט, זיין פרייד
געלעגן איז אין למנצח על הגיתית.

י ר ו ש ה

ביים אָרעמאַן עס ציט זיך לאַנג דער הונגעריקער טאָג,
נאָר ס'לויפן גיך די איינגעדאַרטע יאָרן.
אין שטענדיקן קבצנישן געקלאָג
מיר זענען פּלוצים גרויס געוואָרן.
נאָר מער ווי אַלע איז אין אונדזער שטוב,
ממש איבער נאַכט, די שוועסטער אויסגעוואַקסן:
הויך און שיין — אַ יונגער בערעזניאַק
וואָס גלייכט זיך אויס נאָך ווינטערדיקע שלאַקסן.

פון וואַנען איז אין אונדזער אָרעמשאַפט
אַזאַ געוויקס אַ שיינער אויפגעגאַנגען?
איר גאַנץ געשטאַלט געוועקט האָט שטילע פרייד,
ווי ס'וועקט די רו אין האַרץ אַן אָוונטפעלד מיט זאַנגען.
דער שטערן הויך און אויסגעאיידלט בלייך
האָט פונעם לאָקנבלאָנד געלאָזט זיך צאַרט באַרעמען.
אַ טיפער זומערבלוי, ווי מיטן טאָג אַ טייך,
באַהאַלטן האָט זיך אונטער שמאָלע ברעמען.
דער בליק — אַ שפּיגלדיקער בלענד,
פאַרהילט אין זייד פון שאָטנדיקע וויעס.
דער קינבאַק עטוואָס שאַרף אַרויסגעווענדט
און דער אָוואַל אַ צאַרטער, דאָך געוואַגטער:

M.H.

יצחק יאַנאַסאָוויטש

גענוען אין אים איז מיידליש־שטילע צניעות
מיט זיכערקייט און אויסדרוק פון כאַראַקטער.

גאָר אומבאַמערקט האָט זי געטאָן אַ וואַקס
און פון די קינדערקליידלעך אויסגעשאָסן.
אַט ערשט האָט זי געוויינט אין מיטן נאַכט,
אויפגעוועקט פון טאַטנס שפּעטע חצותן,
געשפּילט זיך נאָך אין הויף אין בלויזן העמד
און אויף אַ באַנק — אַ באַן — אַרומגעפאָרן
— און איצט איז זי שוין גרויס און עפּעס פרעמד
אין שטוב ביי אונדז צו אַלעמען געוואָרן.

עס ווייט פון איר שוין איצט מיט פרעמדן סוד:
כאָטש נאָענט איז זי — דאָך עפּעס ווי אַ ווייטע.
פאַרבונדן האָט דורך איר זיך צוריק מיט אונדז די שטאָט,
מיט מיידלעך־חברטעס און ווילע יונגעלייטלעך —
און מאָדנע איז פאַר אונדז, וואָס זי
פון אונדזער שטוב דער אָרעמער, מיט שכל
רעדט מיט אַלע, ווי עס פּאַסט
פאַר אַ גלייכע נאָר מיט גלייכע.

און שווער איז קינדערישע מוחות צו באַגרייפן
די קראַפט וואָס מיר דערשפּירן אין איר האַלטונג.
באַשיידן־שטיל און דאָך אַן אומבאַרירלעך־שטייפע,
זי גייט אַרום צווישן דעם געזעמל.
ווי קומט צו איר אַזוי פיל שטאָלצקייט קאַלטע,
אַ זיכערקייט אַזאַ אין איר באַנעמונג?

און חידושדיק איז אונדז, די קינדער, נאָך פיל מער,
וואָס אונדזער מאַמע שווייגט, ווי אַלץ געווען וואָלט ריכטיק.

אַ שטוב אין שטעטל

איר מאַטער בליק, פון נויט און זאָרגן שווער,
ווערט קוקנדיק אויף איר גרינג אַזוי און ליכטיק,
אַ ווייטער שמייכל העלט
אויף איר פּנים מידן —
ווען שווערן, אַז זי קוועלט
און איז דערפון צופרידן.

און אונדזער שוועסטער שיינט
פון טאָג צו טאָג אַלץ שענער.
די מאַמע איז אַליין
פון איר איצט שוין פיל קלענער.
זי וואַקסט — נאָר ס׳דוכט זיך אויס,
זי איז אַזוי פון שטענדיק.
איר יונג־צעבליטער חן
איז מלכותדיק און בלענדיק.

די מאַמע קוקט אין איר ווי אין אַ שפּיגל.
עס דוכט זיך אויס, זי האָט באַקומען פליגל
און איז אַליין געוואָרן גרינגער,
מיט יאָרן פיל אויך יינגער
נעבן איר, דער טאָכטער, ס׳בלוט און פלייש דאָס אייגענע.
זי קאָן שוין איצט נישט שווייגן מער,
עס שפּאַרט פון איר אַרויס אַ פרייד,
אַ לויב צו גאָט וואָס האָט זי אינעם קלעם
פאַר דער שטאָט און אירע לייט
נישט פאַרשעמט.

און ווען מיין שוועסטער גייט אין גאַס אַוועק,
די מאַמע שטייט ביים פענצטער לאַנג און פליסטערט
רייד וואָס מיר דערכאַפּן נאָך נישט זייער זין:
— געשטראָפט האָט גאָט מסתם מיך נישט אומזיסטן,

איך האָב די שטראָף ביי אים געװיס פאַרדינט;
נאָר מיינע קינדער, גרױסער גאָט גערעכטער,
שטראָף נישט מער פאַר מיינע זינד.

ביי יעדן קער מיין שװעסטערס,
ביי יעדן װאָרט, אַ לאַך, אַ בייג,
געשפּראָכן עין־הרעס האָט מיין מאַמע,
גערעדט צו זיך:
— די באָבע בלומע, איר צו לאַנגע יאָר,
עס איז דאָס מיידל אױסן אױג.

דערביי האָט שױן די מאַמע אונדז דערציילט
(אַ זאַך װאָס קיין מאָל נישט אין איר שטייגער)
פון אונדזער באָבע בלומע דער פּאַרשױן,
װאָס אַז זי פלעגט דעם מאַרק אַ מאָל פאַרבייגיין,
די היטלען פון די קעפּ אַראָפּ
פלעגט נעמען דער המון.

די באָבע בלומע, אונדז צו לאַנגע יאָר,
מיר האָבן װי אין נעפּל נאָך געדענקט.
ס׳דערמאָנט זיך װי אַ חלום אױף דער װאָר:
זי האָט אונדז איין מאָל בעת אַ קרענק
קאַנדל־צוקער װייסן דאַן געבערענגט.
געװען איז זי אַ זקנה שױן
און האָט נאָך אַלץ די שטאָט פאַרחידושט.
אין איר אלמנהשאַפט האָט זי אַליין געװױנט,
אַליין פאַר זיך געמאַכט אַ װייבערישן קידוש
און פאַר די װייבער אין דער גרױסער שול
דאָס דאַװענען פאַרטייטשט האָט זי אױף ייִדיש.

געװען איז זי שױן אַלט, נאָר תמיד ריין,
די גרױקייט האָט פון איר אַראָפּגעשיינט;

אַ שטוב אין שטעטל

דער שטעקן אין איר האַנט — צוליבן שטאַט
און אויך צוליב חשיבות מין־הסתם.
קיין גרויס עשירות האָט זי נישט געהאַט,
נאָר כבוד פון דער שטאַט — אַ ים:
ר׳ איטשעס טאָכטער! דאָס אייניקל ר׳ יונהס!
און יחוס־עצמה! — זי האָט געשמט אין קאַנט.
נאָך אַזאַ חכמה און פאַרשוין איז
נישט געווען אַוודאי אינעם לאַנד.

אין איר צייט עס איז שוין אונדזער שטאַם
געווען נישט דאָס וואָס גאָר אַ מאָל.
דאָס וואַסער שעפּט נישט אויס זיך אינעם ים,
נאָר יעדער באַרג פאַרענדיקט זיך אין טאָל.
דעם טאָל — דאָס האָבן מיר דערלעבט:
געווען פון אונדזער שטאַם דער לעצטער שטאַפּל.
די באָבע בלומע אָבער
זי האָט נאָך פון אַ הויכער טרעפּ
אַראָפּגעקוקט צום שטעטל
וואָס האָט ביי אירע פיס געפיבערט און געצאַפּלט.

ביים טאַטן אין דער שטוב האָט זי נאָך אַלץ געקענט
מיט טעכטער פריצישע אין רייכקייט זיך פאַרמעסטן.
און שיין איז זי געווען! — די גאַס האָט זי פאַרבלענדט,
ווי נישט אין שטעטל דאָ, נאָר אין „הויף״ אין גרעסטן
זי וואָלט דערצויגן זיך און אויסגעוואַקסן.

מיין מאַמע האָט אונדז אויך דערציילט,
אַז ס׳פלעגן פריצים פאָרן וויפל מייל,
כדי צו הערן איר פויליש לשון
און אירע „מאָוועס״.

דאָס הייסט אַזעלכע מינים דרשות
וואָס זי אין גראַמען האָט פון בוך אַרויסגעלייענט.

אין איר יוגנט
זי פלעגט גאַנץ אָפט קיין וואַרשע פאָרן
און זאַמען דאָרט אַ היפּשע צייט.
צוריק אין שטעטל פלעגט זי ברענגען
ביכלעך פּוילישע (די מאַמע זאָגט: משלים)
מיט אויסטערלישע מוראדיקע רייד.
צוליב די ביכלעך טאַקע שיער נישט אַ צרה
האָט זי אויף זיך אַליין געבראַכט.
אַ מערכה — ס'האָט דער זיידע אין די ספרים
זיי באַהאַלטן — נישט פאַר היינט געדאַכט.

די צייט איז דעמאָלט אַ נישט־רויִקע געווען.
געהערשעוועט אין לאַנד האָט דער קאַצאַפּ —
דעם גאַנצן לאַנד אַן אומגליק איז געשען:
ס'האָט פּאָניע די ממשלה דאָ פאַרכאַפּט.
דער פּאַן און פאַראָבעק, ווי אין משיחס צייט,
געבונטעוועט האָט זיך אַנטקעגן דער איוואַניע
און ס'האָט דאָס לאַנד געזידט אין קעסל פון מרידה.
אַ סברה, אַז אין דער פּאָווסטאַניע
פאַרמישט געווען עס זענען אויך פיל ייִדן.

אין שטעטל דאָ האָט יעדערער געוווסט:
ר' איטשעס טאָכטער האָט דערין אַ חלק.
זי האָט מסתם אין וואַרשע קעגן רוס
אין יענער חברה זיך פאַרשווּירן הייליק.
אַחוץ וואָס זי האָט געלט אַ שלל
שטאַרק בסוד געלאָזט זיך קאָסטן,
האָט מען געוווסט, אַז זי באַהאַלט

אַ שטוב אין שטעטל

דעם יונגן פּריץ וואַיטשעכאָווסקי,
גערעדט האָט מען: עס האָט דער צאַר
געזוכט אים דווקא צו דערטאַפּן.
כאָטש צוגעזאָגט אַ הון־רב שכר,
האָט ער אים נישט געקענט דאָ כאַפּן.

נאָר ס׳קריגל גייט צום וואַסער, ביז
עס רייסט זיך אָפּ פון אים דאָס אויער.
געווען אין שטאָט אַ מסור איז —
און ס׳רינגלען שוין מיין זיידנס מויער
קאַזאַקן אום מיט פּיקעס גרויסע.
אַ נס — מיין זיידע מיט אַ כוסה
און טאַקע מיט אַ מטמון געלט
דעם „סטאַרשי" זייערן האָט פאַרשיכורט.
מ׳איז אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק —
זיי זענען פון דער שטאָט אַוועק
און נאָר געראַבעוועט אַ ביסל אויף זייער צוריקקער.

דעמאָלט טאַקע
דער זיידע אירע ביכלעך האָט באַהאַלטן
אין הוילער שרעק צו זיך אין ספרים־אַלמער,
און לאַנג דערנאָך ס׳האָט אים פאַרדראָסן,
וואָס נעבן ספרים, הייליק אָן אַ שיר,
געלייגט האָט ער דאָס טריפה־פּסול
וואָס טרייבט די מענטשן קיין סימביר.

כאָטש פריִער
דער זיידע פלעגט אַליין אויך קווענקלען,
ווען זי פלעגט פאַר די פּריצים לייענען,
באַזונדערס גאָר איז אים געפעלן
די זאַך וואָס פלעגט זיי מאַכן וויינען,

יצחק יאַנאַסאָוויטש

אַ מעשה מיט אַ ייִדן איינעם,
וואָס איז געווען אַ מוזיקאַנט,
און שפּילן פלעגט ער לידער שיינע
אויף חתונות ביי ייִד און קריסט —
געווען, זעט אויס, אַ ייִד אַ פיינער
אָט דער יאַנקל צימבאַליסט.

דער באָבע בלומעס יונגע יאָרן
איצט שימערן פאַר אונדז פון ס׳ביי.
נאָר שווער איז אונדז אַצינד צו פאָרן
די באָבע בלומע פון זכרון
מיט דער וואָס איז שוין לאַנג פאַרביי.

דער זכר פון דער באָבע בלומע
פאַר אונדז איז נאָר איר גרויקייט שטרענגע,
מיט סוד און פרעמדקייט דורכגענומען,
זי בלייבט אונדז ווי אַ נעפּל הענגען,
און אַלץ וואָס מיר זיך איצט דערמאַנען,
און אַלץ וואָס מיר אַצינד געדענקען,
איז נאָר אַ גרויקייט אָן אַ פּנים
מיט ווייטע קינדערישע קרענקען.

נאָר איינס האָט אונדז באַזונדערס זיך געדענקט:
דער באָבעס טויט און איר לוויה.
אין חלל פון דער קינדהייט הענגט
די ערשטע שרעק מיט שפּיציקע געשרייען.
אין שטוב אַריין צו איר מ׳האָט אונדז געבערענגט
אין מיטן נאַכט, פון שלאָפן אויפגעוועקטע.
אויף דר׳ערד איז זי געלעגן שטרענג,
אין שוואַרצן טוך אַ צוגעדעקטע.

אַ שטוב אין שטעטל

און ס׳איז די גרויסע שטוב אונדז ענג
געוואָרן פּלוצעם מיט דער שרעק דאָ.

ס׳ערשטע מאָל מיר האָבן דאָ דעם טויט
דערזען אין די נאָענטסטע דלת־אמות,
דערפילט: אַן אימה־סקרוך מאַכט שאַרסטקע אונדזער הויט
וואָס קאָרטשעט זיך פון דעם געוויין דער מאַמעס.
די טויטע באָבע שטייף און שוואַרץ
אויף דער ערד אַצינד געוואָרן איז אונדז פרעמדער,
דערפילט מיר האָבן ס׳קלאַפּן פונעם האַרץ
דאָס ערשטע מאָל אין קינדערישע העמדער.

עס האָט געוועקט אי נייגער און אי שרעק
דאָס אַלץ וואָס מיר דערהערט דאָ האָבן:
— עס קומט אַ צייט, ווען יעדער שטאַרבט אַוועק
און יעדער, יעדער ווערט אין דר׳ערד באַגראָבן.

אַ טויטע ליגט די באָבע אויפן דיל
און אין דער שטוב גייט אום אַ גרויסער סוד.
עמעץ פליסטערט וויינענדיק און שטיל:
דער מלאך־המות נעמט
אומגעפרעגטערהייט אַוועק זיין קרבן.
אַ צווייטער זאָגט: דאָס לעבן איז אַ שפּיל,
מיר זענען אַלע אין די הענט ביי גאָט.
(גאָט און מלאך־המות... מיט גרויסע שוואַרצע פליגל...
און דורך זיי די באָבע איז געשטאָרבן,
זיי זיצן איצט אין טוך־פאַרדעקטן שפּיגל
און קוקן אין דער שטוב אַריין מסתמא).
מיר זענען שלעפעריק און מיד שוין פון געוויין
און ס׳פּלאָנטערט זיך אין אויער אונדז אַריין:
— אויסגעהויכט האָט זי שוין די נשמה.

אויפגעוועקט מען האָט אונדז אין דער פרי.
אַ שכנטע האָט ברויט אונדז דאָן געגעבן;
כאָטש הונגעריק, דאָך קייענדיק מיט מי —
געקראָכן איז דער ביסן אונדז דערגעבן.
מיר האָבן זיך דערמאָנט דעם נעכטיקן ביינאַכט
און יעדער האָט פאַר זיך אויף ס'ניי געגומען קלערן
און טיף אין זיך האָט יעדערער דערפילט,
אַז דאָס וואָס איז געשען קאָן אַנדערש שוין נישט ווערן.

ביי דער לוויה האָבן קרעמער זייערע קראָמען צוגעמאַכט,
עס איז די שטאָט געגאַנגען זי באַגלייטן.
אונדז קינדער האָט מען אין דער שטוב פאַרמאַכט,
נאָר דורכן פענצטער זענען מיר אַרויס
און נאָכגעגאַנגען פון דער ווייטן.
געזעסן בין איך מיט מיין שוועסטער אויף אַ שטיין
דעם בית־עולם־פּלויט אַנטקעגנאיבער.
מיין שוועסטער האָט געזאָגט: ווען ס'וועלן שוין אַהיים
די מענטשן זיך צעגיין,
די באָבע וועט זיך אויפהייבן און פון בית־עולם־גריבער
זי וועט אַוועק
אַ ווייטן וועג,
און מיט נשמות אַנדערע קיין ארץ־ישראל
וועט איר נשמה אויך דערשוועבן.
אַלע טויטע פליִען דאָרט אַהין
און דאָרטן הייבן זיי
אויף ס'ניי ערשט אָן צו לעבן.

און כ'ווייס נישט, ווי אַזוי
געקומען איז ביי אונדז גאָר דער געדאַנק
צו גיין אַהין אין אָט דעם ווייטן לאַנד.
מיר זענעןביידע מיטן וועג אַוועק

אַ שטוב אין שטעטל

און גייענדיק שוין שעהן לאַנג,
געקומען צו אַ דערפל זענען מיר,
צוויי קינדער קליינע גאָר אַליין
וואָס האָבן זיך פון שרעק צעוויינט.

ווען כאַסקל ליבעס האָט אונדז אויף זיין פור
אַהיימגעבראַכט אין שפּעטער אָוונט־שעה,
מיין מאַמע האָט אין ערשטן שבעה־טאָג
געוויינט פאַר פרייד,
וואָס אירע קינדער זענען ווידער דאָ.

פֿאַרשטערטער נחת

מיט איר טאָכטער דער געראָטענער
מיין מאַמע נעמט זיך איבער
און ציטערט, קיין בייז אויג זאָל איר נישט שאַטן.
נאָר זי, מיין שוועסטער, האָט
סיי ווי פֿון אַלע ליבער
אים, מיין אָרעמען, מיין שוויגנדיקן טאַטן.

אויף ער צו איר בנפֿשו צוגעבונדן
מיט ליבשאַפֿט האַרציקער און זאָרג געטרייער.
זיין יוגנטצייט וואָס איז שוין לאַנג פֿאַרשוווּנדן,
גייט אויף ביים אָפּשיין איצט פֿון איר באַהאַלטן פֿייער.
ס'איז זי וואָס ברענגט אים צוריק צו אונדז פֿון די רעיונות,
אין וועלכע ער אָוועק שוין פֿון לאַנג אַן איז.
אַ שיינקייט זעט זי גאָר אין אַלע די חסרונות
וואָס טרייבן קינד און קייט נאָר צו לצנות.

אין שטאָט ביי אונדז די איינציקע איז זי מסתם
וואָס האָט דעם שטילן ייִד באַנומען.
פֿאַר וועמען בלויז אַ גאַרבער און אַ תם —
פֿאַר איר איז ער אַ קרבן־עולה
אויף דעם מזבח פֿון זיין אייגענער נשמה.

ס'זאָל זיין דערפֿון, וואָס זי, מיין שוועסטער, האָט
די לעצטע צייט אין ביכער אויף פֿאַרקאָכט זיך;

М.Н.

זאָל דאָס די סיבה זיין, וואָס שטאַרק בסוד
קוקנדיק אויף איר די מאַמע קרעכצט און אָכצעט —
ווער ווייסט? עס האָט אונדז גאָט
מיט צרות פיל געבענטשט:
עס איז די לעצטע צייט געוואָרן
די שוועסטער אונדזערע
אַן אַנדער מענטש.

שוין נישט וואָס פריער, ווען פריידיק און צעשפילט
זי האָט די שטוב פאַרהילכט, געזונגען און געלאַכט.
ווייט און פרעמד האָט זי זיך איצט געפילט
אין שטוב ביי אונדז. תמיד נאָר פאַרטראַכט,
אין ביכלעך אַלערליי גאַנצע טעג פאַרלייענט,
פון אַלץ אַרום אין גאַנצן אויסגעטאָן —
זי איז אין זיך ווי אין אַ תהום אַריין,
און וואָס אין שטוב געשעט,
עס גייט זי גאָרנישט אָן.

געפּרוּווט די מאַמע האָט מיט איר שוין איין מאָל
וועגן דעם אַ רעד טאָן, ווי דער שטייגער.
האָט זי אַ כאַפּ געטאָן דאָס בוך און איז אַוועק
און ס׳איז אין שטוב איצט אויפגעגאַנגען איר שווייגן
ווי אַ וואַנט וואָס נישט אַריבערשטייגן
קאָן מען זי מיט הוילע רייד.
געזאָגט דער טאַטע האָט אַ וואָרט נאָר,
האָט זיך די מאַמע בייז אויף אים צעלאָזט:
— סניגור!
כ׳האָב וויניק נאָך פון דיינע ווילדע געננג,
זאָל אויך די טאָכטער איצט איר יונגן קאָפּ פאַרלייגן
מיט דעם נישט־גוטס, די ביכער,
אַז ס׳זאָל דאָס לעבן ווערן איר נישט ניחה?

אַ שטוב אין שטעטל

נאָר יעדעס טײַכעלע זײַן גאַנג
קלײַבט אױס אַלײן אין װעג צום ים.
מײַן שװעסטער האָט איר װעג שױן לאַנג
געפֿונען זיך, זעט אױס, מסתּם —
זי װעט איר װעג מיט װײטיק גײן,
כאָטש ס׳װעט די מאַמע זאָגן: נײן!

אַן אַנדערע װי פֿריִער איז מײַן שװעסטער איצט,
און אַלץ צוליב די מאָדנע ביכער.
האָט איר געהערט ביז הײַנט
אַ מײדל רעדן פֿון משיחן?
מיר האָבן דאָס פֿון איר געהערט.
זי האָט געפֿרעגט בײַם טאַטן מײנעם,
ער האָט איר עפּעס װאָס דערקלערט —
איז זי אַרױס צו אים מיט טענות.
ער האָט צו איר פֿון גאָט גערעדט
און אַז די אָרעמקײט אַ שטראָף איז —
האָט זי געזאָגט, אַז ס׳איז אַ חטא
צו מײנען, אַז דער מענטש אַ שאָף איז
װאָס װאַרט נאָר אױפֿן פּאַסטעך בלױז,
ער זאָל אין פֿעלד אים פֿירן פּאַשען.
לױט איר עס איז דער מענטש שױן גרױס
אַלײן צו ענטפֿערן פֿיל קשיות,
און װאָס פֿאַרענטפֿערט האָט נישט גאָט,
פֿאַרענטפֿערן װעט איצט דער שׂכל.

שװײַגנדיק, װי תּמיד מיט אַ שמײכל,
אין אירע רײד דער טאַטע הערט זיך אײַן.
ער שאָקלט מיטן קאָפּ: אַװדאי,
דער מענטש קאָן זאַכן פֿיל דערגרײכן,

נאָר ער מוז ראוי זיין,
און אָט צו דער מדרגה — ווער איז זוכה?

און ס׳ענטפערט אים די טאָכטער: ניין!
דער מענטש אַליין,
כאָטש ער דערגרייכט צו הימלען הויכע,
איז ער דערצו נאָך קליין;
דער מענטש איז גאָרנישט, כל־זמן ער איז נאָר איינער,
און ער ווערט אַלץ מיט אַלעמען אין איינעם.

— נו יאָ — דער טאַטע זיפצט — אַוודאי.
ס׳זאָל זיין אַ דעה איינע ביי דעם ציבור,
עס וואָלט די וועלט געקומען שוין צום קץ.
וואָס קומט אַרויס? דערווייל איז יעדן ליבער
צו היטן אויף זיין אייגן לייב דאָס פעטס.

און ס׳ענטפערט אים די שוועסטער מיינע,
אַז דערפאַר, קאָן זיין, עס רעדט זיך אין די ביכער
וועגן די וואָס האָבן אָרעמקייט אַליין נאָר,
און קאָנען זיך צוזאַמענרעדן גיכער.

אַ גליק נאָר, וואָס די מאַמע איז
ביי זייער שמועס אין שטוב אַריינגעקומען.
אַ יעשנדיקער דאַרער בלאַט,
האָט זי זיך וואָרפן דאָן גענומען.
זי האָט פאַרשטאַנען איצט, ווי ווייט
איר טאָכטער איז פון איר אַוועק —
אין אָט די אויסטערלישע רייד
עס האָט סכנה שוין געשמעקט.

און שטיל געקלאָגט האָט זי אַצינד
די אַלטע גרויע מאַמע מיינע:

אַ שטוב אין שטעטל

— איך האָב געמיינט, פאַר מיינע זינד
וועט גאָט באַשטראָפן מיך אַליין נאָר,
נאָר איצט איך זע, אַז גאָט דעם האַר
איין לעבן איז פאַר עונש ווייניק:
אויף דורי־דורות הענגט דער גזר
צו זיין געשטראָפט און אויך געפייניקט.

איך האָב אומזיסט געהאָפט, געגלייבט,
אַז דו וועסט ס׳מזל אונדזערס בייטן,
נאָר כ׳זע: געברענגט עס האָט מיין לייב
די שאַרפע האַק וואָס וועט מיך טייטן.
אַ לעבן לאַנג האָב איך אין פּלאָג
זיך צוגעוווינט פאַרשעמט צו ווערן.
אויף אָט דער לעצטער חרפּה־קלאָג,
גאָט, איך האָב קיין כוח נישט מערער.

אַזוי האָט זי געוויינט פאַרביטערט
און זיך די האָר פון קאָפּ געריסן.
מיין שוועסטער האָט ווי אַ טויב געציטערט
און ווי אַ וואָלף געשטומט פאַרביסן.
עס האָט דער ווייטיק זי פאַרקלעמט
און האָט די צונג מיט אייז פאַרפרוירן.
זי האָט אַצינדערט, אָפּגעפרעמדט,
די שפּראַך מיט אונדז שוין אויך פאַרלוירן.

און ס׳פּלעגן ווייבער נאָך דעם קומען יעדן טאָג
און אונדז דערציילן חידושדיקע זאַכן:
— געהערט אַזוינס? אייער טאָכטער זאָגט,
מען דאַרף די וועלט גאָר איבערמאַכן!

די וועלט איז דען אַ מלבוש וואָס מען טראָגט?
אַ ווילדקייט, כ'לעבן... טאַקע נאָר צו לאַכן.

דערנאָך האָט מען אין שטוב זיך שוין דערוווסט,
אַז אונדזער שוועסטער איז אַוועק אויף שלעכטע וועגן:
זי חברט זיך מיט פּאַראַבקעס פון „הויף"
וואָס דינען ביי די פּריצים אין דער געגנט.
מען קומט זיך דאָרט געהיימערהייט צונויף,
און מלכות רעדט מען דאָרט אַנטקעגן.
מיין שוועסטער קומט צו זיי און לערנט זיי אומזיסט
און רעדט זיי איין, אַז ס'איז דער „הויף" גאָר זייער.
אין שטעטל רופט מען זי איצט: „קאַפּיטאַליסט",
מען זאָגט, זי ברענגט אויף זיך אַ פייער.

ווי לאַנג עס האָט געהאַלטן נאָר ביי רייד,
איז נאָך געווען אין שטעטל צו דערליידן.
נאָר איין מאָל זומער, פּונקט אין זשניווע־צייט,
האָט אויפגעקאָכט דאָס שטעטל מיט חידושים.
די פּאַראַבקעס — צונויפגערעדטערהייט
די קאָסעס אין אַ זייט אַוועקגעלייגט
זיי האָבן גאָר אָן בושה!
— וואָס פאַר אַ יום־טוב איז? — דער פּריץ האָט געשטורעמט.
— אַ שטרייק
פאַר העכערן דעם לוין!

און טאַקע נאָך אין זעלבן טאָג
באַוויזן האָבן זיי זיך דאָ אין מאַרק.
די שטעטל־פּאָליציי האָט זיי געיאָגט, געיאָגט —
נאָר ווי פון אָרט עס רירט זיך נישט אַ באַרג,
האָבן זיי זיך נישט גערירט פון דאַנען.
און וווּנדערלעך: צו זיי אויך צוגעשטאַנען
די אַרבעטער פון אונדזער הוטע זענען,

אַ שטוב אין שטעטל

און אויך פון דער ציגעלניע לייט
וואָס פלעגן ציגל ברענען.

אַ שטעטל ייִדן האָט די טירן צוגעמאַכט
און האָט אַרויסגעקוקט נאָר דורך די שפּאַרעס.
ווער ווייסט, אַ וואָסער אומגליק ס׳האָט געבראַכט
מיט זיך די דראָענדיקע כמאַרע?
געשראָקן האָט דאָס ווילדע אָנגעלויף
פון אויפגערייצטע בייזע גויִים.
כאָטש קיין איקאָנע הייבט זיך נישט אַרויף
און אויך דאָס בלעקעצן מ׳הערט נישט וואָיען,
דאָך איז די שרעק דערפון אַ האָר נישט קלענער.
אָט שטעלן זיי אין שטרענגע שורות זיך צונויף
און ס׳פלאַקערט דער אַרום מיט רויטע פענער
און לידער רייסן דאָ די שטילקייט אויף —
אַ ניי געזאַנג און עפּעס נייע טענער.

געזאָגט האָט מען דערנאָך אין אונדזער שטאָט:
מיין שוועסטער האָט אַ „ריידע" דאָרט געהאַלטן.
איך ווייס: אַ רויטע פאָן האָט זי בסוד
אין אונדזער שטוב וואָכן לאַנג באַהאַלטן.
זי האָט געזאָגט מיר: מאַך דערפון אַ שוויג!
און האָט די פאָן אין קעמערל געלייגט.

איך האָב געפאָלגט און שטיל געשוויגן,
אַ שותף צו דעם גרויסן סוד.
געוווסט האָב איך: די פאָן האָט זי געקריגן
צוגעשיקט פון גאָר אַ גרויסער שטאָט,
אין אָט דער גרויסער שטאָט פאַראַן איז
אַן אָרט אַזאַ... אַ קאָמיטעט.

זיין עובדה איז דאָרט: אַלע פּאַנעס
צו פאַרטרייבן פון די שטעט.

פון דעמאָלט אָן די רויטע פאָן איז
שוין נישט אַרויס פון מיין געדאַנק.
געהאָפּט האָב איך אויך מיט סכנות
צו טראָגן שטאָלץ זי אין מיין גאַנג.
באַקומען האָט פון איר מתנות
מיין יוגנט — טרוימען — אין געשאַנק.

איצט האָט זי אויפן מאַרק געפלאַטערט
און האָט געבראַנגט דעם שטעטל שרעק,
איר ערשטער פלי האָט זאָרג און מאַטער
געבראַכט די ווייטערדיקע טעג.

אין שפּעטן אָוונט האָט אויף אונדזער גאַס
דערהערט פון רייטער זיך אַ ווילד גאַלאָפּ.
מיט די פערד כמעט צו אונדז אין שטוב אַריין
זיי זענען ראַש און אונדז געשלעפּט פון בעט אַראָפּ.
דערהיצט און בייז — די קרייזשטאָט־פּאָליציי,
באַפאַלן אונדז ווי רוצחים זענען זיי.

אַ לאַנגע צייט גענישטערט און געזוכט,
די ברעטער פונעם דיל אויך אויפגעריסן,
מיט טאַשנלעמפּעלעך די אויגן אונדז געבלענדט
און אַלץ אין שטוב צעבראָכן און צעריסן.
ווי נאָך אַ שריפה
געבליבן ליגן איז דאָן אַלץ צעשויבערט.
דער שוועסטערס הענט אין קייטן שטייפע
פאַרקרעמפּעוועט זיי האָבן
און ווי אַ רויבער

אַ שטוב אין שטעטל

אַוועקגעפּירט זי אין דער נאַכט מיט קייטנקלאַנג
אויף יאָרן, יאָרן לאַנג.

און לאַנג דערנאָך מען האָט ביי אונדז אין שטוב
געדענקט דעם חודש אָב, די צייט פון פּוילנס זשביוועע,
ווען אונדזער מאַמע האָט דעם זינען שיר פאַרלוירן.
געהייסן האָט זי דאַן אונדז אַלע זעצן שבעה
און וויינען, וויינען אויף דעם בייזן גורל.

ע ר ב

מיין שוועסטער האָט די שטאָט פאַרגעסן —
געוועזן אַזאַ און מער נישטאָ.
זי איז אין תפיסות אויסגעזעסן
אירע יונגע שיינע יאָר.
פלעגט קומען ווען פון איר אַ בריוול,
פלעגט אויפלייכטן אַ ווייטער שיין.
און ווידער האָט די צייט צעדריוועלט
דאָס לעבן נאָר אויף פּעדעם פיין.
ס'איז אונדזער שטוב איצט אַ מגפה
געוועזן פאַר שטעטלדיקע לייט
און נישט געוועזן איז צו באַגרייפן,
פאַר וואָס אונדז יעדער איינער מיידט.

ס'איז אמת, נאָך דער מעשה דעמאָלט,
נאָך דעם טרויריק־וויסטן שטרייק,
דאָס שטעטל אונדזערס האָט געליטן:
עס האָבן זיך דערויף פאַרלייגט
די יידן־שלעגער, די באַנדיטן
וואָס פלעגן קומען יעדן מיטוואָך
און העצן סגאַיעס קעגן ייִד.
געוועזן די גאַס איז מער נישט זיכער
און ס'האָט די לופט מיט האַס געבריט,

Marek Halter

אין שטעטל האָבן בייזע ווינטן
אַ בלאָז געטאָן און אַלץ צעמישט.
דאָס חיות איז שוין מער נישט ניחה
און ס'לעבן איז קיין לעבן נישט.

עס איז די שנאה אויפגעגאַנגען
מיט זידלוואָרט און ציינגעקריץ,
זי איז אויף ייִדנס קעפּ געהאַנגען
מיט טעמפּן מאָרד און מעסערבליץ,
זי איז נאָך יאָרנלאַנגן לויער
אַרויס אַצינד — אַ פיער־באַרג,
מיט העק און דרענגער ביי דעם פּויער
איז זי געקומען איצט אין מאַרק.

אין אַט דער וועלט פון אויפגעשפּיזטן האַס
מיין טאַטע האָט נאָך מער זיך איינגעבויגן,
און ווען ער האָט געוויזן זיך אַ מאָל אין גאַס,
האָט ער דערשראָקן זיך פאַר אַט דעם כעס
וואָס האָט אַרויסגעגליט פון שכנס בייזע אויגן.
און נישט פאַרשטיין האָט אַט דער ייִד געקענט
דעם שכן זיינעם יאַנעק, וועלכן ער געדענקט
פון יענער קינדערצייט: אַ פּאַסטעכל אַ קליינעם
און ער דערפילט: ס'איז פּלוצעם אַזוי ענג
געוואָרן אין די דלת־אמות פון די גויִים,
זיינע שכנים.

אַ פּנים נישט בלויז ער, נאָר אויך די גאַנצע שטאָט
דערפילט האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין דער ענגשאַפט.
אין פאָרגעפיל פון שטורעם וואָס קומט אָן,
ביי ייִדן האָט דערוואַכט אַן אַלטע בענקשאַפט:
די בענקעניש צו ווערן אויסגעלייזט

אַ שטוב אין שטעטל

האָט זיך אין האַרץ אין יִדישן צעשריגן.
דערפאַר, קאָן זיין, דאָס שטעטל האָט אַ טרייסט
דערהערט אַצינד אין נייעם האָראַ־ניגון.

כאָטש פריִער דעם „חלוצישן פאַראיין"
האָט מען ביי אונדז אַוועקגעמאַכט מיט ביטול
— אַ נייעס גאָר: אין אייגן לאַנד אַריין
וועט פירן אונדז דער „לאָראַנץ" אָן אַ היטל!
אַ וואָזשנער שיבת־ציון קאָן שוין זיין,
אויב דער משיח איז דאָס בלויע שקל־קוויטל!

געווען דער „לאָראַנץ" איז אַ בחור פון דער פרעמד
וואָס „שטונדן" לשון־קודש האָט געגעבן,
אַ לערער מיט אַן אויסגעלייגטן קראַגן פונעם העמד.
אַ רעטעניש:
ווי קאָן גאָר אַזאַ חלוש נעבעך לעבן?
ווי קומט גאָר צו אַ „שוואַכלינג" אַזאַ כוח,
ס'זאָל קינד און קייט צו אים זיך קלעפּן?
זיין זײַדן קול האָט אויפגעדונערט הויך
אין די שבתים „פאַרן אויסנעמען",
אויף דעם באַלעמער
מיט מיילער אָפענע געהערט האָבן פאַרגאַפט
פון ציון איצט די שטעטלדיקע קרעמער.

און ביסלעכווייז די ביטולדיקע וואַנט
מיט זיינע רייד האָט ער אַדורכגעבויערט:
דער ווייטער חלום פון אַן אייגן לאַנד
איז נאָענט געוואָרן דאָ אין שטעטלדיקן טרויער.
געזונגען זמירות ביי דעם שבתדיקן עסן
האָט ס'שטעטל שוין מיט דעם התיקווה־ניגון.
באַלד האָט געררוישט מיט שקלים און קאָנגרעסן,

מיט צדדים, מיט פּאַרטייען און מיט קריגן.
ביים קלייבן נייע דאָזאָרעס אין שטאָט
איז שווער געווען צו וויסן שוין,
אַוועלכע ציוניסטן ס׳וועלן זיגן.

כאָטש בלויע פּושקעס זענען איצט
געהאָנגען שוין אויף שטעטלדיקע טירן,
האָט יעדערער געוואַרט,
אַז יענער זאָל פון אָרט
דער ערשטער רירן
און פונעם גלות אינעם אייגן לאַנד אַוועק.
אַזוי געגאַנגען זענען יאָרן, יאָרן —
און בלויז דער לערער איז אַהין געפאָרן.

ערשט סאַמע אין דער לעצטער צייט
דאָס שטעטל האָט אין גרוילן זיך צעהוידעט.
אין יעדער שטוב מיט נייעס אַלערליי
מ׳האָט זיך געטיילט און שושקענדיק געסודעט.
געוווּסט האָט מען פון דייטשלאַנד שוין די בראָך
און פאַרגעפילט, אויף וואָס מען דאַרף זיך ריכטן,
מען האָט געפילט, אין גלותדיקן יאָך
מען זינקט ווי אין אַ זומפּ אין אַ געדיכטן.

ויאנחו בני ישראל — אַ שטעטל האָט געקרעכצט
און האָט נאָך גאולה אין דער נויט געלעכצט.

נישט אַלע אָבער האָבן זיך מיט קרעכצן בלויז באַגנוגנט:
ווי אומעטום האָט אויך ביי אונדז די שטעטלדיקע יוגנט
די ערשטע זיך פון זומפּ אַרויסגעריסן.
אַוועק איז מען אויף „הכשרה"
אָן טאַטע־מאַמעס וויסן,

דערנאָך האָט מען אויף שיפן אין געהיים
געוואָגלט צו דעם חלום־לאַנד — אַהיים.

ביי אונדז אין שטוב מיין יונגער ברודער עליע
איז אויך געוואָרן פּלוצעם נעלם.
די לעצטע צייט האָט ער דעם עול פון שטוב
אויף זיינע יונגע אַקסל אויסגעטראָגן.
ס'האָט אונדזער הויז פון דלות־גרוב
זיך אָנגעהויבן שוין אַרויסצושלאָגן.
פאַרפירט האָט ער אין שטוב אַ רימעריי,
כאָטש נישט געלערנט ס'פאַך ביי קיינעם.
אָט נאָר אַ האָר — געהאַלטן ס'וואָלט דערביי,
אַז ס'זאָלן אונדז מקנא זיין די שכנים.

נאָר פּלוצעם אָן אַ זיי־געזונט
איז ער ביינאַכט פון שטוב פאַרשוווּנדן,
מיט זיבן זלאָטעס פּויליש געלט
אין אַ קלומעקל פאַרבונדן.
און נאָר אַ בריוו האָט ער געלאָזט,
אַז ער וועט אונדז פון „ארץ" שרייבן —
ער וואָלט אונדז זיכער נישט פאַרלאָזט,
נאָר שווער איז אים אָט דאָ צו בלייבן.

ווי אינעם וואַסער פאַלט אַ שטיין
און רינצלט אויף דעם אויבערפלאַך,
האָט זיין פאַרשווינדן אַ געוויין
אין אונדזער שטוב איצט אויפגעהויבן.
נאָר אויב אין וואַסער זינקט אַ שטיין
און קומט פון דעק שוין נישט צוריק,
האָט אונדזער ברודערס וויטער פּיין
נאָך איין מאָל אונדז אין ווי דערדריקט:

געוועזן איז דאָס אַ יאָר נאָך דעם,
ווי ער איז פון דער שטוב פאַרפאַלן.
זיין נאָמען, אין אַ צייטונגסרעם,
איינגעהילט אין ליניעס שוואַרצע,
האָט אָנגעזאָגט: ער איז געפאַלן
מיט אַן אַראַבער־קויל אין האַרצן.

געיאָמערט האָט מיין מאַמע ווילד
און זיך די האָר פון קאָפּ געריסן:
— אָ, גאָט, פאַר וואָס, פאַר וועלכע זינד
האָסטו געשטראָפט מיך, וויל איך וויסן.
און אויב געזינדיקט כ׳האָב אַ מאָל,
בין איך, אַן אישה, דען מחויב
צו צאָלן, ווי עס האָט געצאָלט
דער אַלטער אויסגעפּרוווטער איוב?

געפרעגט האָט זי, נאָר זיך קיין ענטפער נישט דערוואַרט.
ווער האָט איר ענטפערן געקענט און טרייסטן?
געוועזן דער טאַטע איז איצט אין זיין צער
פון אונדז מיט טויזנט ווענט פאַרשטעלט.
חוץ דעם — וואָס האָט ער דען געוווסט פון אָט דער וועלט,
און האָט ער דען געקענט אויף אַלץ אַן ענטפער געבן?
אַ שווערע צייט האָט זיך פאַר אים אַצינד געשטעלט,
ער האָט איין טרייסט געהאַט נאָר אין זיין לעבן —
אין אָט דער טרייסט האָט ער זיך אָנגעהאַלטן
און זיין אמונה אויך אין איר דערהאַלטן.

ולא ינום ולא יישן —
עמעץ מוז דאָך ערגעץ זיין,
וועלכער שלאָפט נישט און ער וואַכט נאָר
און ער הערט זיך תמיד איין,
היט און וואַכט מיט אויגן אָפן

און צו אַלץ זיין גאַנג באַשערט.
האַרבע זענען זיינע שטראָפן,
דאָך אויף זיין חסד שטייט די ערד.

ולא ינום ולא יישן —
עמעץ מוז דאָך ערגעץ זיין!
...תהילים־בלעטלעך זיך פאַרמישן
און מיין טאַטע דרעמלט איין,
און ווי יעקבן אַ לייטער
מיט מלאכים אויף און אָפּ,
חלומט אים אַ וועג אַ ווייטער
באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ.
אויף דעם וועג דאָרט ערגעץ גייט ער,
גייט און גייט צו ווייטע שטעט,
ביז דעם אורח פון אַ מאָל נאָך
פון דער ווייטנס ער דערזעט.
נאָך דער זעלבער וואָס געוועזן איז,
נאָר אַ ביסל מער שוין אַלט,
ליכט און חכמה פון זיין פּנים
אליהו הנביאס שטראַלט.
וויל דער טאַטע צו אים צוגיין
געבן שלום — איז שוין נאָך אים.
ער פאַרשווינדט און עס באַווייזט זיך
דער מגושם לוי־נחום.
פילט דער טאַטע, אַזאַ ענגשאַפט
רייפט אַרום אים ביי דעם האַרצן.
ס׳לויפט פאַרביי דער פעטער הענעך
אין גלחים־קלייד אַ שוואַרצן.
גייט מיין טאַטע ווייטער, ווייטער,
גאַנצע טעג און נעכט דאָ גייט ער,
ביז מיט איין מאָל אויף די וועגן

קומט די טאָכטער אים אַנטקעגן.
שטרעקט ער אויס די הענט אין חלום,
וויל דער טאָכטער געבן שלום —
נאָר דערמאָנט זיך: נישט קיין שטייגער
שלום געבן צו אַ מיידל —
רעדן וויל ער. נאָר, אַ שווייגער
פון כל ימיו, איז די צונג אים
צו דעם גומען צוגעפרוירן.
פלוצים קומען רייטעריונגען
און די טאָכטער ווערט פאַרלוירן.

אָט אַזעלכע מין חלומות
חלומען זיך אים כסדר.
היינט, גיי ווייס, וואָס וואָר און טרוים איז
און געפין דאָ אַ באַשיידונג.

ג לות

מיין טאַטע האָט באַזעצט זיך אין בית־מדרש ביי דער טיר
און האָט ביים תהילים זיך נאָך נידעריקער איינגעבויגן,
און יעדן אורח פון דער פרעמד
ער האָט — אַ שולדיקער — פאַרשעמט
געקוקט מיט נייגער אין די אויגן:
— אפשר דער און אפשר דער? —
געפּליסטערט האָט ער שטילערהייט,
אַריינגערעדט, אַריינגעטראַכט אין זיך —
אַ למד־וואָוו, פאַרשטעלט אין בעטלערקלייד,
וואָס גייט אין פוסטריט פון משיח.

און ביסלעכווייז עס האָט דער שטילער ייִד
גענומען גלייבן מיט פאַרעקשנטער אמונה:
אין בעטלער די געקומענע פון ווייט
אַ למד־וואָווניק דאָך אַ מאָל געפינען,
אַ למד־וואָוו וואָס וואַכט אין יענע נעכט,
ווען ס׳שלאָפט די גאַנצע ברי׳אה,
נאָר ער אַליין מיט משחית אין געפעכט
זאָגט תהילים שטיל און זיינע ווערטער פלי׳ען
צום כסא־הכבוד אויף,
פאַר אונדזער וועלט זיך מי׳ען.

ער האָט זיך איינגערעדט דער שטילער ייִד
און ס׳איז זיין משוגעת געוואָרן,
און פון שגעון זיינעם אָנגעגליט
האָט ער געפלאַמט — אַ ברענענדיקער דאָרן.
גאַנץ אָפט האָט ער זיין בעט אַצינד געטיילט
מיט אַלערליי אביונים און עניים
און ווו אַן אָרעמאַן,
ס׳האָט גלייך געטאָן אַ צי אים.
גלייך איצט האָט ער געפונען דעם,
וואָס אין זיין זכות
עס האָט די וועלט אַ קיום.

און ס׳האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים צום סוף
דער ריח פון עיפּושדיקער פעל,
און אויף דעם יאָר דעם זעכציקסטן,
ביים טויט שוין אויף דער שוועל,
עס האָט אַ נייער ריח פון אים גענומען טראָגן,
אַ ריח פון הפקר־שטויב און פוילעניש פון שטרוי
און מיט דער עלנטקייט פון די וואָס נעכטיקן און טאָגן
אויף אומעטיקן שליאַכנגרוי,
מיט ווינטן היימלאָזע וואָס קלאָגן.

ביז איין מאָל איז ער פון דער שטוב אַרויס
און איז אַהיים שוין נישט געקומען.
דעם טלית און די תפילין בלויז
און אויך דאָס תהילימל גענומען,
ער איז אַוועק מיט שטעטלדיקן שליאַך
מיט בעטלער, שלעפּער
און ייִדן אַנדערע אַ סך.
ער איז געגאַנגען צווישן זיי
מיט זיין שטענדיק שמייכעלע, פאַרשעמט —

Marek Halter

ענִיוותדיקן, שטילן.
און ס׳האָבן אים געזען די בעלי־עגלות
העט־ווייט נאָך אַלע אָפּגעברענטע מילן,
נאָר ס׳האָט מיין טאַטע זיי
דעם שכר־הליכה זיינעם נישט פאַרטרויט
און אָפּגעזאָגט האָט ער זיך זעצן אין דער בויד
און האָט צו פוס אַוועקגעשפּאַנט.
ער האָט געשפּרייזט
צו שטעטלעך ייִדישע אין פרעמדן קאַנט
און ס׳האָט אַ ווינט נאָר אים באַגלייט,
אַ ווינט אַן עלנטער אין אויפגעפּאַכטע פּאָלעס.

אַוועק, אַוועק און נישט געזאָגט וווהין
און נישט געפרעגט צו וואָס און נישט געוווּסט ביז וואַנען
און ס׳איז דער ריח דער ביטערער פון פעלדער מיט פאָלין,
דער זשיוועצע־גערוך פון הויכע יאָדלעביימער
מיט אים, דעם טאַטן מיינעם, מיטגעגאַנגען.

און אין דער היים וואָס ער האָט שטיל פאַרלאָזט,
איז די קאַפּאָטע נאָר פון אים אַליין געבליבן,
אַלטמאָדיש, שוואַרץ און פּראָסט,
פון דורותדיקע לאָסטן אויסגעריבן.
און אין די שבתדיקע טעג,
נאָר מער נאָך אין די פרייטיק־אויפדערנאַכטן,
מיט קאַרגן פלעמלדיקן ליכט באַשיינט,
זי האָט געוויינט,
די שוואַרץ־געוואַנטענע אַלטפרענקישע קאַפּאָטע.
זי האָט געריסן זיך פון שאָטנדיקע ווענט
מיט אַרבל אויסגעשטרעקט ווי בעטנדיקע הענט —
זי האָט געוואָלט אַוועקגיין.
נאָר ס׳האָט דער זשאַווערדיקער נאָגל איינגעקלעמט אין הענגער

אַ שטוב אין שטעטל

זי געהאַלטן צוגעבונדן צו דער וואַנט,
און ס׳איז די שטוב געוואָרן עלנטער און ענגער,
אומהיימלעכער פון ווינטערגרויש אין קאָרטענעם געוואַנט
וואָס האָט געבלאָזן זיך מיט פּאָלעדיקן פלאַטער.
אין שטוב איז אויפגעגאַן די בענקשאַפט נאָך אַ טאַטן
וואָס האָט דאָרט ערגעץ ווו ביי שבתדיקע טישן אין דער פרעמד
געשמייכלט שולדיק און פאַרשעמט
צו זיך אַליין און צו זיין באָרד דער גרויער
מיט אַ דינעם לייכטנדיקן טרויער.


M.H.

אינהאַלט

קאַפּיטל 1:	אַ שטילער טאַטע	7
" 2:	ליימענע לייכטער	14
" 3:	אַן אורח אין פּראָסט	18
" 4:	ליידיקע פעסער	31
" 5:	מאַך און שטויב	40
" 6:	גאות	46
" 7:	טאַטע און פעטער	55
" 8:	אַ שטוב אין שטעטל	68
" 9:	ווידוי	78
" 10:	חצותן	84
" 11:	יורדישער אומעט	92
" 12:	ירושה	98
" 13:	פאַרשטערטער נחת	110
" 14:	ערב	120
" 15:	גלות	129

ביכער פון זעלביקן מחבר

רויכיקע פאַרטאָגן (לידער און פּאָעמעס) — לאָדזש 1933.

שטילקייטן (לידער) — פאַרלאַג „אות“, לאָדזש 1938.

באַפרייאונג (לידער) — פאַרלאַג „עמעס“, מאָסקווע 1941.

אַ שטוב אין שטעטל (ערשטע אויפלאַגע) — פאַרלאַג „ביכער פון ייִדישן פּען־קלוב“, פּאַריז 1951.

פעסל די בעסער קענערן — פאַרלאַג „פאַר אונדזערע קינדער“, פּאַריז 1952.

מיט ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד — פאַרלאַג „קיום“, ב.־איירעס 1959.

פאַרלאַג קיום
פועלי ציון-התאחדות

פאַרלאַג־אַדרעס:
"KIUM"
Ayacucho 352
Buenos Aires Argentina

דערשינענע ביכער:

1. דוד בן־גוריון — נצח ישראל
2. מענדל מאַן — אין אַ פֿאַרוואָרלאָזטן דאָרף (אויספֿאַרקויפֿט)
3. יחיאל האַלפּערן — דער רעוואָלט פֿון אַ גלות־פֿאָלק
4. יוסף שפּרינצאַק — אין וואָרט און אין שריפֿט
5. ה. לייוויק — אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים.
6. אפֿרים דקל — געהיים־דינסט פֿון דער „הגנה" אין ארץ־ישׂראל
7. ד"ר טעאָדאָר הערצל — דערציילונגען און פֿעליעטאָנען
8. י. לעשטשינסקי — דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פֿון גלות־יידנטום
9. מ. גראָס־צימערמאַן — יידן צווישן יידן
10. יצחק בן־צבי — מיט דער צווייטער עליה
11. רחלם לידער
12. מענדל מאַן — די גאַס פֿון בליענדיקע מאַנדלען
13. אריה לעאָן קובאָווי — וואָרצלען און פֿליגלען (אויספֿאַרקויפֿט)
14. שלמה סיימאַן — אין די טעג פֿון די ערשטע נביאים (אויספֿאַרקויפֿט)
15. יוסף ווייץ — זכרונות
16. אפֿרים אויערבאַך — גילדענע שקיעה
17. מרדכי שטריגלער — שמועסן מיט דער צייט (אויספֿאַרקויפֿט)
18. י. יאַנאַסאָוויטש — מיט ייִד' שרייבער אין רוסלאַנד (אויספֿאַרקויפֿט)
19. פּנחס שטיינוואַקס — ציוניסטן
20-21. יעקב גלאַטשטיין — אין תּוך גענומען (צוויי בענד)
22. שלמה ביקל — אַ שטאָט מיט ייִדן
23. חיים גרינבערג — ייִד און וועלט.
24. חיים גרינבערג — מענטשן און ווערטן
25. מרדכי שטריגלער — שמועסן מיט דער צייט (באַנד 2)
26. שלמה ביקל — רומעניע

27. לייב שפּיזמאַן — געשטאַלטן.
28. מ. שענדעריי — דער לעבנסוועג פון ב. דאָבריאַנסקי.
29. מענדל מאַן — על נהרות פוילן
30. לעאָן וויינער — געזאַנגען פון גערא‏ַנגל און אויפקום
31. חיים גרינבערג — בלעטלעך פון אַ טאָג־בוך
32. יצחק יאַנאַסאָוויטש — אַ שטוב אין שטעטל (2טע אויפלאַגע)

אין שפּאַניש:

Marie Syrkin: Al Servicio de una Causa (Agotado)
Ab. N. Polak: Así se forjó el Estado de Israel
Iehuda Burla: Las Hazañas de Acavia
Moisés Hess: Roma y Jerusalem (Versión castellana y estudio preliminar de LEON DUJOVNE).

אין גיכן דערשיינען:

לוי אשכול — אין געראַנגל פון אויפבוי
מענדל מאַן — אַ קעמל אין מדבר
מרדכי שטריגלער — שמועסן מיט דער צייט (דריטער באַנד)

Este libro se terminó de imprimir en el mes de octubre de 1962, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN S.R.L., Avda. Corrientes 1976, Buenos Aires, República Argentina.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

•

Copyright by
ISAAC JANASOWICZ
Buenos Aires

•

Hecho el depósito que marca la ley 11.723
Buenos Aires

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material Claims Againes Germany.

Editado por
Poale Sion Hitajdut

Departamento
Ediciones "**KIUM**"

ISAAC JANASOWICZ

Una Casa en el Pueblo

POEMA

2ª Edición

BUENOS AIRES
1963